


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו״ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס׳ 19 • חשון-כסלו תשמ״ה • תל-אביב • נאָוועמבער 1984 • נומער 19

# הפגישה עם לובלין / ד״ר י. ח. בילצקי

מתוך הספר „אכזר מכל — המפגש"
(מסע לפולין 1983)

אף הפגישה עם לובלין היא טראגית. עיר של נשמה יתירה. עיר שהתורה עברה על הקמח.

כשיהודי מדבר על לובלין אין הוא נזקק לטרמינים חמרניים. הוא לא מספר על אהבות וחינגות, על תיאטרונים והיכלי ספורט, כי אם רק על תורה. במישור זה רואה היהודי את לובלין. אתה מזכיר את שם העיר: ומיד עולה הרב שפירא וישיבת חכמי לובלין. מיד כתרי כהונה. בית היוצר לתורה וחכמה למהרש״ל, ל„חוזה" מלובלין. גם היהודי הקר, המפוכח יודע לספר על לובלין ז א ת, לובלין של תופשי עט ולא תופשי שלטון, לובלין של הגות ולא של שעשועים.

נזכר אני בפרק היפה של שלום אש בספרו: „קידוש השם" — „השוק בלובלין", המספר את סיפור חייה וחורבנה של עיר יהודית בימי גזירות ת״ח, תקופת חמילניצקי. ספר זה מציין את כוחו הרוחני של היהודים בגולה לעומת הכוח הגשמי של העולם הזר.

בספרו של שלום אש, „החורבן בתקופת חמילניצקי", פוגשים יהודים בלובלין, חייט המזמין אליו קונים. ירדו מן הקרון, נכנסים אל החנות של החייט לקנות דבר־[illegible] שהחנות ריקה לגמרי, אין בה [illegible]אלים היהודים את החייט: הבט [illegible]ז. אין חתיכת בד. אפילו כפתור אין. מה אתה מוכר?

משיב החייט בנחת: מוכר אני תשובה, תפילה וצדקה, כי הצרות עומדות עלינו.

כשיהודים חזרו מחורבן חמילניצקי חזרה ללובלין, פגשו את אותו החייט. ואף כאן הוא מזמין אותם לקנות דבר־מה. היהודים באים לחנותו של החייט. והנה: מדפים ריקים. אין סחורה. שואלים יהודים את החייט: מה אתה מוכר פה? ענה להם החייט: סוחר בטחון אני. „איך פארקויף ב ט ח ו ן".

לא, יהודים, כאן החייט אינו מוכר ב ט ח ו ן. הוא א י נ נ ו.

ללובלין היסטוריה עתיקת ימים ושנים. מהזמן החדש: ב־1918 קוימה בלובלין ההכרזה של הממשלה

## אינהאלט • התוכן

שרה רפופורט־אלבלינגר / רשמי מנסיעתי לפולין (עמ׳ 4) • דוד שטאָקפיש / מ׳הערט נישט אויף צו פאַרייביקן (6) • בעריש וויינשטיין / מיידאַנעק (8) • צפורה דסקל־וייסלפיש / ביום הזכרון לשואה (9) • שרה בנק־ארליכמן / אנו, ניצולי השואה (9) • משה זילבערבערג / אויך יידישע מנהיגים ווערן באַשולדיקט (10) • שלמה זינשטיין / יידישע גבורה איז באַהויכט מיט קדושה (11) • לאָזער גאָלדבוים / אַ לובלינער ייד אויף די געטאָ־פייערונגען אין וואַרשע (11) • די גרינדונג פון „ישיבת חכמי לובלין" (13) • זהבה ליכטענבערג / דאָס הויז פון מיינע יוגנט־יאָרן (14) • יוסף אַבטמאַן / דער „האָטעל נאַדווישלאַנסקי" (15) • יעקב פעלדמאַן / זכרונות פון אַ הויף אויף לובאַרטאָווסקי (17) • צבי זילבערמאַן / אַ לובלינער באַגריסונג צום דערעפענען דעם העברעישן אוניווערסיטעט (19) • מאַרעק ביטער / דער ערשטער ראש־השנה אין באַפרייטן לובלין (20) • א. זאַמדער / אַ יאָר אַקטיוויטעטן אין ישראל (22) • באַשטייערונגען (26) • וועגן נייע ביכער פון לובלינער מחברים: ש. ל. שניידערמאַן (27) • אפרים איינשטיין (29) • י. לודען און ד״ר נח גריס (30) • רבקה לרמן־גולדברג (31) • ק. שמעון / בינע־דערפאָלגן פון צפורה שפייזמאַן (32) • צפורה דסקל־וייסלפיש / בן שמונים לגבורות (33) • בריוו, באַריכטן, מיינונגען (35) • לזכרם — צום אָנדענק (39) • פייערונגען צום 40סטן „טאָג פון נצחון" (48).

teatrnn.pl

הראשונה של פולין המחודשת. מספטמבר 1939 עד 25 ביולי 1944 היתה לובלין תחת הכיבוש הנאצי. ערב מלחמת העולם השנייה חיו בלובלין 50.000 יהודים. בלובלין היו חיים יהודיים תוססים. הרבה בתי־ספר עממיים, תיכוניים. שני עיתונים ביידיש. לובלין היה מושב של „ועד ארבע הארצות". היו בה בתי הדפוס המפורסמים בעולם. יהודים, לפי הגדרת סופר יהודי, קנו בלובלין יהדות בשביל החורף.

עוד ב־1550 העניק המלך זיגמונט אוגוסט לשני יהודים רשיון להקים בית־דפוס, כי הוא ידע שבית־דפוס להדפסת ספרי הלכה הם נשמת אפו של היהודי. הישוב היהודי בלובלין עוד החל במאה הארבע־עשרה. ה„קאָנגרעס ז'ידאקוס" הוא־הוא „ועד ארבע ארצות" שלט ברחבי פולין ומושבו, כאמור, היה בלובלין. בלובלין במחצית השניה של המאה השש־עשרה התחילו להדפיס את התלמוד בבלי.

בישיבות שייסדו לימדו תורה: הרמ"א (ר' משה בן ישראל איסרליש) ור' שלמה לוריא (המהרש"ל). השלטון הפולני מאד העריך את הישיבות בלובלין והשם הרשמי הפולני של הישיבה היה: „גימנאַזיע" ושמו של ראש הישיבה „רעקטאָר".

הרמ"א, גדול הפוסקים, קיבל את חינוכו התורני בלובלין. בלובלין פעל שלמה רובין הפופולריזטור בשפה העברית של תורת שפינוזה.

בית־הכנסת של המהרש"ל אפוף אגדות רבות. הוא בנה את בית־הכנסת בכוחות עצמיים והיה מחושב ל־3000 מתפללים. הנאצים שרפו כאן אלפי יהודי לובלין בתוך בית־כנסת זה. לובלין גם התגאתה בבית־הכנסת של המהר"ם (ר' מאיר בן גדליה) וקראו לו ר' מאיר לובלין. גם למלך היהודים ליום אחד ר' שאול וואהל היה בית־מדרש בלובלין.

ההיסטוריונים קבעו: המצבה הראשונה בלובלין היא משנת 1541 והאחרונה של כל הקהילה הוצבה על־ידי היטלר ימ"ש.

המהרש"א (ר' שמואל אליעזר בן יהודה אידעלעס) פעל הרבה בלובלין לאחר שעזב את כהונת הרב שלו בבעלם. היה לו בית־כנסת משלו.

החסידות בלובלין התפארה ב„חוזה מלובלין", ה„פשיסכער" היה תלמידו, „דער אייזירנער קאָפּ" (ראש הברזל) מתנגדו.

„ישיבת חכמי לובלין" נוסדה ביזמתו והנהלתו של מהר"ם שפירא, כנסיון לחדש תפארת הישיבה הקדומה. נוסדה בשנת תרפ"ה. שימשה מרכז ל־500 מטובי הבחורים הלומדים מכל קצווי פולין. היו בה בית־עקד ספרים יקרי־ערך ומיניאטורה אמנותית של „בנין בית־המקדש".

בזמן הכיבוש הנאצי הוחרם הבנין המפואר של הישיבה לצרכי המטה הצבאי הגרמני.

*

המבקרים היהודיים באו ללובלין היהודית הישנה להתרפק על העבר. לרבים היו מהלכים בעיר הזו. רבים מהם — אנשי לשכת המודיעין של העיר. גזבר עירית תל־אביב, יצחק אלרון מצא את ביתו. עבר בחדרים הריקים. הלב נצבט. כאן גדל. כאן בילה את ילדותו. ממדרגות אלה קפץ. נדמה היה כי הוא עוד מחפש את הגלגל שהריץ אותו כילד ברחובות עירו. סיירו בכל העיר היהודית, זו שהיתה.

קרובה העיר למאידאנק. שם היו יהודי לובלין הראשונים לכליון. עיר קרובה לאחד ממקומות ההשמדה האיומים ביותר.

ישיבת חכמי לובלין אחרי המלחמה הפכה לבית־ספר לרפואה של אוניברסיטת העיר ורבים מערביי המזרח התיכון לומדים בו.

ח"כ הרב מנחם הכהן ברשימתו ב„ידיעות אחרונות" מיום 10.5.83 על „ישיבת חכמי לובלין" כותב: בנין ישיבת חכמי לובלין הוא עצום ומפואר. זיהיתי אותו מיד, על פי התמונות הרבות שראיתי בילדותי בביתנו. הכל נשמר בו כפי שהיה בימי הזוהר שלפני המלחמה — פרט לדבר אחד: על חזית הבנין תלוי שלט גדול, האומר: „בית־ספר לרפואה של אוניברסיטת לובלין". שהיתי בישיבה שעה שלמה, חיפשתי מזוזה בכל דלתות החדרים... חיפשתי ולא מצאתי ולבי היה מר עלי.

פגישה טראגית בבתי־המדרש ובבתי־הכנסיות, בישיבות, בבית־העלמין החרוש, ברחובות, בכיכרות, ביקור של שעות ספורות החורש בלב תלמים של צער. של יגון.

לובלין היא קנינו האישי של כל תלמיד־חכם. לובלין היא קנין אישי של כל יהודי שהכיר אותה לפני המלחמה והיא פצע פעור בלבם של המבקרים אותה עתה.

אם אתה מבקש לדעת גדלותה של עיר, אל פנקסי „חברה קדישא" תלך ואל מצבות בית־העלמין. אם גם עלה הרצון לפני לפנות לבית־הקברות של לובלין, הרי נאמר לי כי הוא נחרש עד תומו, וכי לא רק החיים נעקרו, כי אם גם המתים.

אודה ולא אבוש: יש בי המייה לעבר. בכל נסיעותי ביקרתי בתי־קברות. אינני יכול לעקור מלבי את ההמייה הזו.

מחוז ילדותי הוא כל עיר בפולין שדפי ההיסטוריה היהודית שלה נהירים לי. ביניהן — לובלין. עיר ואם בישראל.

הרי לובלין היתה, כאמור, מקום מושבו של „ועד ארבע ארצות" שנוסד ב־1520, והיה זה כעין ממשלה אבטונומית של „הקהל" היהודי. לוועד זה היה כוח שלטון בשטחים רבים. לא רק בעניני הערכת המסים והארנונות של הקהילות עשה, ולא רק בהסדר עניני הציבור היהודי. השפעתו היתה על חיי היהודים ותרבותם. תקנותיו וחוקיו היו נשמעים כדבר מלך שלטון. הוא שימש למעשה כעין בית־משפט עליון לערעורים על החלטות הקהילות ופסקי־הדין של הרבנים למקו־

# ערב התיחדות עם קדושי לובלין

## ביום השנה ה־42 לחיסול גיטו

יתקיים ביום ד' י"ט חשון תשמ"ה (14.11.84),
בשעה 7 בערב, בבית המלין, תל־אביב, וייצמן 30.

**האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב.**

**בתוכנית:**

הדלקת 6 הנרות — **ניצולי השואה.**
**יזכור** — תלמידי ביה"ס שאימץ את קהילת לובלין.
„אל מלא רחמים" — החזן, בן־עירנו **א. ארליכמן.**
לזכר הנפטרים — **מתתיהו הורן.**
המנחה — **דוד שטוקפיש.**

מותיהם. בפנקס קראקע, בפנקס לבוב, בפנקס פוזנא ובפנקסי לובלין רשומים כל המעשים והתקנות של הממשלה האבטונומית הזו.

בירידי לובלין היו מתכנסים גדולי הרבנים וקובעים תקנות שחייבו את יהדות פולין.

ועד ארבע הארצות וישיבתו תקופה מסויימת בלובלין היא אנדרטת כבוד לעיר זו. כשהשעה היתה שעת חירום, הרת חורבן לעם, היתה כתובת: לובלין, עיר של עירנות בלתי רגילה לחיי העם היהודי. מסך תורה היה פרוש עליה. עיר שמצאה מסילות לכל הערים בפולין. כולה חיות. מתרפקת על תורת המתנגדים ועל תורת החסידים וגם בקבלה שולחת את ידה. היא היתה אבן שואבת לתלמידי-חכמים. מקור ברכה להמוני יהודים באשר הם.

ספרו המקיף של פרופ׳ באלאבאן הוא המקיף ביותר על יהדות לובלין.

בית-העלמין הישן הוא מקום היחוס של העיר. עדים ח י י ם כי „נפילים היו בארץ", אנשי שם. גילו: 400 שנה.

כאן נמצאת מצבתו של יעקב פולאק, רב ופוסק מגדולי התלמודיים המפורסמים בדורו. מכונה „בעל החילוקים", אבי שיטת הפלפול, שהנהיג בישיבות פולין לשם חידוד התלמידים, שיטה שרבים מגדולי התורה לא היתה דעתם נוחה ממנה. ישב בירושלים כעשר שנים וחזר ללובלין ומת שם בשנת 1541.

כאן בבית-העלמין, מצבתו של המהרש"ל (ר׳ שלמה לוריא), מגדולי המפרשים והפוסקים בדורו. ראש ישיבה בלובלין. תקיף בדעתו. מבקר ומגיה נוסחאות בתלמוד. כינוהו „רבנו תם בדורו". היה חולק אפילו על גדולי הראשונים. יצא בביקורת עזה נגד הרבה מחכמי וגאוני ישראל. הוכיח את הרמ"א (ר׳ משה איסרליש) על עיסוקו בפילוסופיה. שיטת לימודו היתה פשטנית ומתרחקת מהפילפול שהיה נהוג בדורו והשתדל הרבה לקבוע את הנוסח הנכון של התלמוד ומפרשיו. ידועים ספריו: „ים של שלמה", חידושי ופסקי הלכות על הרבה מסכתות. הוא הביע התנגדות לכל הכרעה שלא על פי מקור התלמוד וכן ספרו „חכמת שלמה", פירושים והגהות למסכתות ש"ס בבלי וכן לרש"י.

גם קברי הרבנים מהמאה התשע-עשרה, קברו של ר׳ עזריאל הלוי הורביץ, הידוע בשם: „דער אייזערנער קאפ" (ראש הברזל), לאחר מכן קברו של „החוזה", אשר הפיץ בפולין את תורת החסידות. הוא היה עמוד האש של הסימטאות היהודיות העניות בלובלין. יחד עם המגיד מקוזשניץ הוא נחשב לאחד מחלוצי החסידות הפולנית. „החוזה" היה ידוע כבעל מופת. הפופולאריות שלו היתה עצומה. נהרו אליו חסידים מרחבי פולין. מתלמידיו — גדולי הרביים החסידיים, כר׳ יצחק יעקב פשיסכא („דער ייד הקדוש"), ומתנגדו החריף „דער אייזערנער קאפ". „החוזה" נפטר ב-1815. באותה השנה גם נפטר „המגיד".

ידועה המחלוקת במאה השמונה-עשרה בין ר׳ יהונתן אייבעשיץ ור׳ יעקב עמדין והרב מלובלין בבית-המדרש של המהרש"ל הכריז חרם על ר׳ יעקב עמדין ועדתו...

גדולה היתה ההשפעה של המהר"ם, ר׳ מאיר בן גדליהו. אחד הפוסקים הגדולים בזמנו. הצטיין בתקנת עגונות. היה מבקר חריף, תקיף בדעתו נגד ר׳ יוסף קארו בעל ה„שולחן ערוך", נגד הגהות הרמ"א. התמרמר, על הלומדים רק פסקי דינים ומקצרים את התורה, תחת ללמוד שיטות התלמוד. גם המהרש"א לא נוקה. דרך לימודו היה ישר. סגנונו והרצאת דבריו קלים.

גדולה היתה השפעתו של המהרש"א (איידליש שמואל אליעזר). כשמבקשים ביידיש לציין ילד חריף אומרים: „המהרש"א קעפל". הוא חיבר את חידוש הלכות ואגדות לכל התלמוד, שנתקבלו אצל כל הלומדים. היה אחד המשתתפים החשובים ביותר בוועד ארבע ארצות בפולין...

אל יבוא אלי הקורא בטרוניה, שאני מכניס אותו לעולם של תורה וחכמה בלובלין.

*

הנסיעה לאושוויץ-בירקנאו מרגשת את כל היהודים שבאו לווארשה.

שלטי דרכים. הדרך לחלם. הדרך לזמושץ׳, הדרך לאושוויץ.

זמושץ׳: י.ל. פרץ, רוזה לוכסמבורג, לוי יצחק מברדיצ׳ב, חלם-חלם וחכמיה. כן: חכמיה.

הגרמנים כרתו את העצים. יערות שלמים הועברו לגרמניה. נטעו הפולנים עצים חדשים והם צמחו. גדלו. קשה לשתול אנשים. בתנ"ך, להבדיל באוונגליון, אין מילה אחת, כיצד שותלים אנשים חדשים אחרי שנשרפו חיים והפכו לאפר. קשה גם לדעת איך יקומו מן האפר עם בוא המשיח...

בדרך לאושוויץ יש מקום למחשבות שונות ומשונות שלא עלו על הדעת אף פעם. בדרך לאושוויץ אין אתה חושב על ציביליזציה. על „קולטורה". משום מה, עולות מחשבות על האדם בכלל, על גרמניה בפרט, על יצרי פראות ועל מעשי פראות. משום-מה מלווים את האדם היהודי המשכיל לאושוויץ גם גיטה, גם היינה. גם ניטשה. גם קאנט. גם פיכטה. פליידה רצינית של פילוסופים ומשוררים יוצאים אתך לדרך. מכמה טעמים אין כאן מקום לשוחח קצת עם מלווים אלה. אולם יש לנו הרבה שאלות אליהם.

העצים בצידי הדרך גדלים. אתה, כיהודי מישראל, מקנא. לאורך כל הדרך: עצים, מישורים חקלאיים עצומים.

לפני 40 שנה היו הדרכים הארורות האלה דרכי מוות. דרכים שהיה להן מונופול על השמדה. דרכים שהשתחררו מאלוהים ואדם. כבישים שלא התלוננו ולא קיטרגו. רק הקרבן באוטובוס-המשא

בני עליה אלה קבעו את ההלכה בישראל. הדברות שלהם היו מוצקות. העם נתן להם אשראי גדול. פסקו לפיהם. חותמם היה הקובע בחיי הרוח במשך הרבה שנים.

אם יגיעו הדברים לנוער אשר ביקר בלובלין עם המשלחות, יפתח ספר וילמד פרקים גדולים של פוסקים ומפרשים. אלו היו יוצרים שישבו חזק על האבניים של חינוך העם, אם תסכים לחינוך זה או לא תסכים. זו היתה באר-התורה שגדולים אלה חצבוה והעמיקוה. לובלין היתה להם עיר ואם. עיר ואם להגיון ולרגש.

מאידאנק — על יד לובלין. קשה היה לחשוב על הצירוף הזה. לא יכולתי להסיח את דעתי מהגדולים, אלה שהיו להם מצבות ונותצו על-ידי הנאצים ואלה שהפכו לאפר במאידאנק...

מאידאנק על יד לובלין. יהודי לובלין הראשונים לקרמאטוריום ולגיא ההריגה של מאידאנק.

בדרכי חזרה, עם צאתי מהבנין שהיה בנין ישיבת חכמי לובלין שוחחתי שיחה אינטימית עם „החוזה מלובלין". כשהקבצן השביעי של הברצלבר יספר את סיפורו, אספר גם אני הקטן בשבטי ישראל על שיחתי עם „החוזה מלובלין"...

# רשמי מנסיעתי לפולין

שרה רפפורט-אלבלינגר

## ביקור לשתי מטרות

לפני שנה הגשתי בקשה לויזה אינדיווידואלית ל-פולין וקיבלתי סירוב, ללא שום הנמקה. ניצלתי לכן את ההזדמנות להצטרף לטיול מאורגן של 9 ימים וב־16 במאי 1984 טסנו לוורשה דרך וינה. שהותנו בפולין הצ-טמצמה למעשה ל־7 ימים בלבד, בגלל האיסור להכנס ולצאת מארץ זו שלא במטוס של קו התעופה הלאומי „לוט", שגרם לשהייה של 4 שעות בנמל התעופה של וינה (לוורשה) ו־5 שעות בנמל התעופה של פרנקפורט (מוורשה). לפני יציאתי מהארץ, הייתי במתח רב, מ-חוסר ידיעה עד הרגע האחרון כמעט, אם אמנם אזכה הפעם לוויזה (קולקטיבית, כמובן).

לנסיעתי לפולניה היו שתי מטרות:

א) לבקר ולהתראות עם ידידתי הנוצריה, הגברת ניץ', שבביתה מצאתי מיקלט לאחר חיסול גיטו לובלין והצלחת בריחתי ממנו. היא ובעלה קבלוני לביתם ב-דצמבר 1942. כיהודיה, ללא פרוטה וללא ניירות, נת-קבלתי על ידם בחמימות ובאהבה. יחסם זה כלפי, הח-זיר לי את הכבוד העצמי, לאחר כל ההשפלות והתלאות שהיו מנת חלקי בגיטו ובמאַידן טרטסקי.

ברוניסלב ואיזבלה ניץ', זוג אינטלקטואלים, דאגו לכל צרכי ואיקלומי בתנאים המיוחדים והמסוכנים הל-לו. ועוד קיבלו לביתם ועזרו לקרובי, שחיכו לי מוס-תרים במרתף שבפרבר העיר לובלין (כעת הם חיים בקנדה) ולידידים אחרים. הודות לתמיכתם והמלצו-תיהם, נתקבלתי לעבודה כמנהלת פנימיה של בית ה-



המחברת (עומדת שלישית מימין) עם זוג הפולנים שהצילו אותה, בזמן נטיעת עץ לכבודם בחורשת „חסידי אומות העולם" ב„יד ושם" בירושלים, ב־1964.

נוער העירוני, שהכיל 120 נערות, מגיל 16 עד 22 שנה. עם הגיעי ארצה, בסוף דצמבר 1950, לא שכחתי אותם ועשיתי את כל המאמצים כדי להביאם לביקור לארץ, מימוש חלומם על הארץ הקדושה ואמונתם. עלה בידי לבצע זאת רק בשנת 1964. הם היו בין הראשונים, שנשתלו למענם עצים בחורשת „חסידי אומות העולם" שביד ושם בירושלים.

ברוניסלב ניץ' נפטר לפני שלש שנים ואלמנתו הבי-עה את תקותה בכל מכתב אלי, שעוד תזכה לראות אותי לפני מותה, בהיותה אשה חולה. בקשתה זאת חייבה אותה לפעול לשם זירוז פגישה זאת. נוסף לזאת, קיוויתי בתמימותי, שאמצא לפחות שריד של קבר אבי ז"ל, שנפטר לפני מלחמת העולם השניה. בשואה איב-דתי את משפחתי הקרובה (כ־70 איש בערך), ולא נותר לי אף קבר יחיד לזכרון.

...בהגיעי לוורשה, תקף אותי רעד והתרגשות רבה, שרק בקושי התגברתי עליהם. במסגרת עיסקת החבילה, אכסנו אותנו ב„פורום", בית מלון מפואר, בתנאי מות-רות יוצאים מהכלל. הפאר הרב של בית המלון, האדיבות והמותרות, לא עמדו בשום יחס לתנאי חיי התושבים. ורשה העיר נאה,אבל רחובותיה ריקים מאדם, פרט לתורים הארוכים מאוד בפתחי החנויות, בעלות מדפים ריקים מסחורות. בוורשה נפגשתי עם אנשים רבים, פולנים ויהודים, אותם הכרתי מעבודתנו המשותפת לפני ואחר המלחמה. נפגשתי גם עם אנשי „ז'גוטה", ארגון מח-תרתי יהודי-פולני מתקופת המלחמה, שמטרתו היתה סיוע ליהודים שהסתתרו בצד הארי. בהיותי פעילה ב-תקופה זו במחתרת הנ"ל, שוחחתי עם שרידי ידידי מהארגון שיחות ארוכות לתוך הלילה, שתוכנן היו זכ-רונות, התרגשות, תחושות מהעבר המשותף והעלאת פרטים שונים של התקופה.

## פגישות עם לובלינאים

נפגשתי בוורשה עם מספר אנשי לובלין, כגון הגב-רת אירנה ס., בת מנהל אדמיניסטרטיבי של בית החו-לים שברחוב לוברטובסקה ועם אחיינית שלה, המשמ-שת כעת דוצנטית באוניברסטה ושהתפרסמה על ידי ספרה „פילוסופיה של המלה בשירת המשורר יוליאן טובים", שנמסר לי עם הקדשה חמה למדי. בלתי נש-כחות היו שלש פגישות עם ד"ר שמחה וייס, הממ-שיך לשמש כעורך משנה של כתב-עת לתולדות הרפו-אה והפרמקולוגיה.

שמחה בינם וייס הנו דמות מרשימה, המקרין הר-בה חום ותחושת אהבת הזולת, בנוסף על היותו מסור בנפשו לעיר מולדתו, לובלין. בביתו תמצא אוסף צלו-מים מוגדלים של הרובע היהודי של לובלין מלפני המלחמה. הוא הסריט סרט על עירו, בו הוא מספר לאשתו, המשתתפת בפעולתו, על לובלין היהודית שמ-לפני המלחמה. הוא עובד על שלושה נושאים, ובמיוחד על רופאים יהודים של לובלין, על ארגון „טוז" ו„בי-

קור חולים". הצצתי בתיקיה של הנושאים הנ"ל והתפלאתי מעבודת נמלים של איסוף כל כך הרבה נתונים, בשקידה ובמסירות לאין קץ. הודות למרצו, עומד להופיע לוח על בנין „ישיבת חכמי לובלין" (המשמש עתה במכון לרפואה). עליו יהיו חרוטים בשלש שפות המלים — „כאן היתה בעבר הישיבה המפורסמת בעולם כולו". ד"ר וייס יוצא פעם בשבוע ללובלין, מבקר בארכיון של העיר, רושם נתונים מדוייקים ומנהל התכתבות רחבה עם לובלינאים, המפוזרים בעולם והעשויים להוסיף פרטים בעלי ערך לשם השלמת התיקיה שלו. עלי לציין, שאישיותו הרב-גוונית וגישתו הבלתי אמצעית לבריות הרשימוני עמוקות. הנני רואה בו ידיד יקר ואת המסר הזה ברצוני להעביר לכל הלובלינאים, הנמצאים בישראל. (ראה מכתבו בעמ' 37).

## ברחובות לובלין

ב-19.5 נסעתי ברכבת ללובלין. גם במחלקה הראשונה שלי, היתה צפיפות עצומה. קשה היה למצוא מקום ישיבה. אחר נסיעה של 3.5 שעה, הגעתי ללובלין ונפתחה מחדש לפני כל מערכת הזכרונות המרים של תקופת הגירושים, אקציות וסבל בלתי ישוער, אותו חייתי בעיר זאת. שכרתי מונית כדי, ראשית כל, לנסוע לבית-הקברות היהודי. עברתי רחובות מוכרים לי מהעבר הבלתי נשכח: אחד במאי, זאמויסקה, נובה ועצרתי ע"י האנדרטה שהוקמה בשנת 1963 לזכר קרבנות השואה בלובלין עם שלש מחנות ריכוז — מאידנק, בלז'ץ וסוביבור, בהם ניספו יקירי, קרובי וידידי.



הגב' רפפורט עם חברה ליד האנדרטה לקדושי לובלין, שהוקמה ב-1966 בלובלין, מאחורי העירייה.

כאב, רטט ודמעות תקפוני ושיתקוני. לאחר שהתאוששתי, המשכתי דרך רחוב לוברטובסקה, לכיוון רחוב אוניצקה, בו היה קיים בעבר בית הקברות. לאחר חיפוש זמן רב, הגעתי לבסוף ברגל, דרך גבעות ותעלות למקום שחיפשתיו. מצאתי במקום קבוצת צופים פולנים, אנשים שבאו להשתזף בשמש ו... אוהל ריק (בו היה בעבר קברו של הרב שפירא, ראש ישיבת חכמי לובלין, ששרידיו הועברו ארצה), חדר טהרה מוזנח ו-4 מצבות טריות, ביניהן אלו של פלה (לבית מגור) ושל בעלה — שלום גארן, שאת שניהם הכרתי היטב. מצבת אבי לא מצאתי. בשטח היו פזורים חלקי מצבות שבורות, ללא שם וללא תאריך המות. הזנחה זאת גרמה לי עגמת-נפש רבה והשרתה עלי עצבות ודכאון.

בדרך חזרה מבית-הקברות ההרוס, נעצרתי ע"י הישיבה לשעבר, ליד בית החולים היהודי (כעת בית חולים ליולדות) ונסעתי לעיר העתיקה, ברצותי לבקר בדירת נעורי שברחוב גרודזקה 16. מצאתי בית גדול, בעל 3 כניסות, עזוב ומוזנח. שקט בחצר הנרחבת ואודה, שבמקצת חרדה דפקתי בדלת מגורי לשעבר. להפתעתי הנעימה, נתקבלתי באדיבות ודייריו התרגשו מאוד לשמע הידיעה שבאתי מישראל לבקר את הדירה, בה נפטר אבי המנוח. אותה אדיבות גילו כלפי דיירי דירה אחרת, בה גרתי עד תקופת הכיבוש הגרמני, שברחוב וישינסקי 12. הבתים היו מוזנחים, הדירות חולקו לכמה משפחות, שדרו בצפיפות ובעוני. היתה לי הרגשה של רוח רפאים.

הרחובות אמנם קיימים, הדירות נותרו — ונעלמו „רק" כל אלה, אתם חייתי, למדתי, עבדתי ושמחתי. דממת מוות הקיפה אותי והבריחני. מול הבית שברחוב גרודזקה היה פעם בית יתומים, בו התקיים „היודנרט" הידוע לשמצה. הבית עומד ריק ונותר גם השלט של בית היתומים. המשכתי לאורך קראקובסקה-פשדמיישצ'ה, גן הזקסי ונזכרתי בפנים מוכרות שאינן עוד. כל מה שנותר לאחר ביקור זה — זכרונות, כאב חריף של אבדן היקר לי והתיחדות אילמת. היה זה היום העצוב והמדכא ביותר בכל מסעי. עיר לובלין, על 40,000 תושביה היהודיים, על מרכזי התרבות המפותחים והמגוונים, עיר ערה ותוססת, שבזמן הכיבוש הנאצי סבלה קשות ושעברו על תושביה היהודיים 7 מדורי הגיהנום — חדלה להתקיים. חיים בה אמנם כיום פי שלושה תושבים (360,000), אבל עבורי נושבת ממנה רוח נכרית ויתומה.

*

חזרתי לוורשה במונית ובדרך עברתי עיירות ידועות לי היטב: נאלנצ'וב, ריקי, גארבולין, קורוב ועוד רבות פחות ידועות לי. נזכרתי בשורות שירו של המשורר אנטוני סלונימסקי, משנת 1947:

אינן יותר. אינן עוד העיירות היהודיות,
כהרובייישוב, קארצ'ב, ברודי, פאלניצה ועוד...

←

# מ'הערט נישט אויף צו פאַרייביקן

דוד שטאָקפיש

איייניקע קאָמיטעט־מיטגלידער פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל, האָבן זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירטע באַזוכן פון פאַרשטייער פון לאַנדסמאַנשאַפטן אין יד ושם אין ירושלים און אין קיבוץ א.נ. פון די געטאָ־קעמפערס אין גליל, ווו ס'איז אונדז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די ערנסטע, וואָגיקע פאַראייביקונג־פראָיעקטן פון די צוויי דערמאָנטע אינסטיטוציעס. אויף דעם סמך, האָט אונדזער קאָמיטעט באַשלאָסן צו אַסיגנירן צו 3 טויזנט דאָלאַר פאַר יעדן פראָיעקט (וואָס דאָס איז בלויז אַ העלפט פון דער נייטיקער סומע), כדי צו פאַראייביקן די יידישע לובלין אין די צוויי ערטער. די אַנדערע העלפט — נאָך 6 טויזנט דאָלאַר, ווילן מיר מאָביליזירן ביי אונדזערע בני־עיר אין די תפוצות.

כדי נעענטער זיך באַקענען מיט די פראָיעקטן, האָט דער שרייבער פון די שורות געהאַלטן פאַר נייטיק, אָפּצודרוקן דעם מאמר, וועלכער איז הייַ־יאָר דערשינען אין „פאָלק און ציון", 2־חודש שריפט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; אין „ישראל־שטימע", צוויי־וואָכנשריפט פון מפ"ם און געוואָרן איבערגעדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", וועכנטלעכע אויסגאַבע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פוילן.

**אַלץ איז זיך צונויפגעקומען אין כמעט איין צייט: אַן אָרגאַניזירטער באַזוך פון פאָרשטייערס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אינעם בית לוחמי הגיטאות א.נ. פון יצחק קאַצענעלסאָן; אַ וואַנדערונג פון יד ושם וועגן אויפשטעלן אין ירושלים אַ מאָנומענטאַלע פאַראייביקונג „בקעת הקהילות החרבות" („טאָל פון די חרובע קהילות"); אַ רוף פון דער ווייטער אויסטראַליע וועגן אויסגעענדיקטן חורבן־מוזיי און פאָרש־צענטער; און צום סוף — אַ בוך פון ניו־יאָרק וועגן פוילישן יידנטום.**

לשאו תתור אחר נרות דלוקים בחלונות עד אין קץ,
או תאזין לניגוני תפילה, בבתי־כנסת, בנויי עץ.
נעלמו שרידים אחרונים, בגדים בלויים ותקוות
והדם השפוך כוסה בחול, להסתרת העקבות.
ובסיד אפור סיידו את כל הקירות שוב,
כלאחר איזו מגפה או לקראת חג חשוב.
אין עוד העיירות היהודיות, בן כל סנדלר היה בן פיוט,
כל שען פילוסוף וכל ספר — זמר להוט...
(בתרגומו מפולנית ע"י בעלי).

נשארנו אנו, שארית הפליטה, בכדי להמשיך לחיות ולתפקד. ככל אחד, היה עלינו להפנים עמוק בלבנו את הסבל, הכאב וזכרון של אנשים יקרים ונופי עבר בלתי־נשכחים, נופי ילדות ונעורים.

## מ'האָט דאָך נישט פאַרגעסן

אַ סך גוטער ווילן, ווי ממשותדיקע אויפטוען נישט צו לאָזן פאַרגעסן, טראָגן זיך פון די אַלע איניציאַטיוון אין ישראל און אין די תפוצות. אַ סברה, אַז די טראומע פון דער שואה, ווי דער אָרעאָל פון דער גבורה, אפילו איצט, 40 יאָר נאָכן העלדישן געטאָ־ אויפשטאַנד אין וואַרשע, 39 יאָר נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון „טויזנט־יאָריקן רייך", גייען נאָך אַלץ נאָך דער שארית הפליטה, ווי דעם אונטערגעוואַקנדיקן דור. יענע גרויל־טעג פון גיטאָס, גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס באַגלייטן אונדזער דור, וועלכער האָט שוין אַ סך אויסגעפונען — און זוכט אַלץ נייע פאָרמען צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק.

אַ פאַקט: ביז איצט זענען שוין דערשינען אַ טויזנט יזכור־ביכער וועגן די אומגעקומענע יידישע קהילות; צענדליקער מצבות און דענקמעלער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף די בתי־עלמינס אין נחלת יצחק, חולון, קרית שאול, ניו־יאָרק, מאָנטרעאַל, פאַריז, בוענאָס־איירעס, טאָראָנטאָ און אין פוילן, לזכר אומגעבראַכטע יידישע קהילות; קולטור־פאָנדן, סטיפּענדיעס און ליטעראַטור־פרייזן פאַרבונדן מיט דער שואה אָדער מיט נעמען פון קדושים, באַווייזן דעם געוואַלדיקן יראת הכבוד פאַר אָפּהיטן דעם געדעכעניש פון די אומגעקומענע.

איצט גיט אַ טראַכט וועגן אַזעלכע מאָנומענטאַלע און נאַציאָנאַלע מוזייס ווי יד ושם אין ירושלים און דער בית יצחק קאַצענעלסאָן אין קיבוץ לוחמי־הגיטאות; צי דער בית התפוצות, וועלכער האָט אויך אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן אָרט דער חורבן־תקופה און פון צייט צו צייט קומען דאָרט פאָר אויסשטעלונגען און אונטערנעמונגען, באַגלייט מיט סימפּאָזיומס געווידמעט פאַרשיידענע קהילות און יידישע ישובים.

אויך אין דער דיאַספּאָראַ האָט מען נישט פאַרגעסן דעם גרויסן אומגליק וועלכער האָט געטראָפן דאָס אייראָפּעישע יידנטום אין די יאָרן 1939—1945. אין וואַשינגטאָן איז טעטיק אַ נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, בראש מיטן שרייבער אלי וויזעל, צו פאַרייביקן די זעקס מיליאָן קדושים. אין אַנדערע הויפּטשטעט זענען מיר נאָך איצט עדות פון איניציאַטיוון, ווי פון קאָנקרעטע מעשים אָנצוהאַלטן דעם זכרון נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

## אַ טאָל פון חרובע קהילות

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו די ישראלדיקע פּראָיעקטן:

די לייטונג פון יד ושם האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ פּאַראייביקונג פאַר די פינף טויזנט חרובע קהילות אין דער שואה — די צעשטערטע וועלט און וואָס ס'איז פון איר געבליבן. די „בקעת הקהילות החרבות" וועט זיך געפינען אויפן שטח פון יד ושם אין ירושלים, צווישן גראָז־בערגלעך — און צווישן זיי, אויף די נידעריקע ערטער, וועלן ווערן אויסגעקריצט די נעמען פון די קהילות און לענדער. די וויכטיקע דאַטעס פון ריכטונג און אַנטוויקלונג וועלן פאַראייביקט ווערן אויף ספּעציעלע שטיינער, אַריינגעפּאַסט אין דעם אָרט, וואָס וועט זיין ענלעך צו דער מאַפּע פון אייראָפּע און לויט איר וועט אויך באַשטימט ווערן דער מקום פון די באַזונדערע קהילות און מדינות. אויסער דעם וועלן איינגעשטעלט ווערן פּאַוויליאָנען, צי קליינע מוזייס, וווּ מ'וועט פאָרשטעלן די קולטור־ירושה און געשיכטע פון די קהילות און זייער אומקום, מיט דער הילף פון פילמען און רעקאָרדירטע דערציילונגען.

די אַרבעטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. אויסענדיקן דעם פּראָיעקט, וועט נעמען אַ 3—4 יאָר, מיט אַ בודזשעט פון 6—7 מיליאָן דאָלאַר, נישט אַריינגערעכנט די אינערלעכע פּאַוויליאָנען. צו דער סומע פעלט נאָך זייער אַ סך. ביים אַריינגאַנג אין דעם אָרט, וועט זיין אַ ספּעציעלע וואַנט מיט די נעמען פון די שפּענדערס — יחידים און אָרגאַניזאַציעס. מינימום 6 טויזנט דאָלאַר דאַרף באַטרעפן די באַשטייערונג פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט.

## אַ „טעמפּל פון אויסגעהרגעטן יידישן קינד"

דער קיבוץ א.נ. פון די געטאָ־קעמפערס, געגרינדעט אין פרילינג 1940 דורך געקומענע פון 36 טויטלאַגערן און 30 געטאָס, ווי אויך מענטשן פון דער „בריחה" (אומלעגאַלע עליה) און פון פאַרשיידענע רעטונג־אַקציעס, האָבן אויסער דעם פּרעכטיקן קיבוצישן דאָרף, אויך אויפגעשטעלט אַ מוזיי צו פאַראייביקן דעם אומקום און ווידערשטאַנד, באַזאַמען מיט אַן אַמפיטעאַטער, וווּ אין טאָג פון כ"ז ניסן ווערט אַדורכגעפירט די צענטראַלע יערלעכע געטאָ־אַקאַדעמיע, מיטן אָנטייל פון אַ 20 טויזנט מענטשן.

אַ גאַנץ יאָר איז מען עולה־רגל צום מוזיי — אַ גרויסער בנין, פאַרזען מיט אַן אַרכיוו פון 40 טויזנט בילדער, פאָטאָגראַפירט פון די דייטשן גופא; 240 דאָקומענטאַרע פילמען; געמעלן, ליטאָגראַפיעס, סקולפּטורן, קונסט־בילדער, וועלכע שטעלן פאָר דעם אומקום און ווידערשטאַנד. דער רוב פון זיי איז געשאַפן געוואָרן אין די געטאָס.

די ביבליאָטעק פון בית לוחמי הגיטאות ציילט 60 טויזנט בענד. אינעם מוזיי זענען פאָרגעשטעלט דאָקומענטן, מאָדעלן און פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס פון די דייטשישע אכזריותדיקייטן איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין די געטאָס, לאַגערס און יידישער ווידערשטאַנד. די באַוועגלעכע אויסשטעלונגען אויף דער טעמע באַדינען פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

דער בית לוחמי הגיטאות האָט אויך אויסגעפערטיקט צוויי דאָקומענטאַרע פילמען: „דער 81סטער שמיץ" און „דער לעצטער ים", וואָס זענען שוין דעמאָנסטרירט געוואָרן אין אַ סך יידישע ישובים אין דער וועלט און אין ישראל. איצט ווערט געגרייט אַ דריטער פילם פון דער סעריע.

ביים מוזיי איז אויך טעטיק אַן אייגענער ביכערפאַרלאַג, וועלכער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן 160 פּאָזיציעס אין עברית, יידיש און ענגליש. צווישן זיי — די שריפטן פון יאַנוש קאָרטשאַק, יצחק קאַצענעלסאָן, צביה לובעטקין, אַנטעק צוקערמאַן, ד"ר א. בערמאַן און אַנדערע.

אין משך פון יאָר ווערט דער מוזיי באַזוכט פון צענדליקער טויזנטער טוריסטן, תלמידים און צה"ל־סאָלדאַטן, ווי פון עמך־יידן. דער דאָזיקער קיבוץ אין מערבדיקן גליל איז מקיים דעם „לזכור ולא לשכוח" („געדענקען און נישט פאַרגעסן"). די אָנפירונג פון דער אינסטיטוציע, בראש מיטן ענערגישן צבי שנער, וויל זיך אָבער נישט באַגנוגענען מיט די איצטיקע אויפטוען. זייערע אַמביציעס גרייכן אַ סך ווייטער. דעריבער האָבן זיי פאַרבעטן די פאָרשטייערס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל, זיי זאָלן העלפן רעאַליזירן איניקע פּראָיעקטן פונעם בית לוחמי הגיטאות:

1) אויפשטעלן אַ „היכל הילד היהודי ההרוג" („טעמפּל פון אויסגעהרגעטן יידישן קינד"). די נאַצישע רוצחים האָבן אין די אָקופּירטע לענדער אומגעבראַכט אַן אַנדערהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער. זייער טראַגישער אומקום און העראָישער געראַנגל און קאַמף מיט און אָן געווער, וועלן באַקומען זייער אויסדרוק אין דעם היכל. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּראָיעקט פאָדערט אַן אינוועסטיציע פון מיליאָנען דאָלאַרן.

2) אַן אינטערנאַט פאַר אַ 100 שילערס־קורסאַנטן פון ישראל און פון די תפוצות, וווּ זיי וועלן במשך אַ וואָך־צוויי לערנען אויף אַן אינטענסיוון אופן די טעמע פון אומקום און גבורה, וועלכע באַגלייט אונדזער דור און וועט (און דאַרף) אויך באַגלייטן די צוקונפטיקע דורות. דער אינטערנאַט וועט זיין אויסגעשטאַט אין קלאַסן, אַן אוידיטאָריע־זאַל און באַדינגונגען זיך אויפצוהאַלטן דאָרט מיט עסן און שלאָפן.

## אַ וויכטיקער אויפטו פון דער יידישער מעלבורן

ווי דערמאָנט, איז אויך אין דער ווייטער מעלבורן אויפגעשטעלט געוואָרן אַ יידישער פאָרשצענטער און חורבן־מוזיי — „אַ ווירדיקער דענקמאָל פאַר די אומ־

# מאידאנעק

**בעריש ווינשטיין**

(פראַגמענט פונעם בוך „לידער און פּאָעמעס,
ניו־יאָרק, 1949).

מאַידאַנעק, גאָט, איז דאָס גראָע, כּשרע אַש
פון די שטילע באָבעס פון גאָט פון אברהם;
פון אונדזערע פּשוטע וואַסער־טרעגערס ;
פון אונדזערע קלוגע „אלף־בית" קינדער
און געבוירענע „שיר המעלות" עופהלעך.

מאַידאַנעק — איז די ירושה פון דורות ;
די לוחות פון משה רבינוס מדבר־טעג.
דאָס אַלץ — האָט מען פראַסט געשענדט.
דאָס אַלץ — האָט מען פראַסט פאַרלענדט
און געוואָרפן, ווי האַלץ פון די הענט,
אין בראַנד־אויוונס, אין קאַלך־אויוונס.
גאָט, טרעבלינקע, לובלין און מאַידאַנעק —
איז נישט „די שחיטה־שטאָט" פון ביאַליק —
אַז ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד !

נישטאָ, גאָט, אַזוי פיל טויטן אין ונתנה־תוקף,
וויפיל עס האָט געטראָגן מיין פרומער זיידע,
ווען ער איז געגאַנגען אין טלית־תפילין
צו די אויוונס פון מאַידאַנעק און לובלין ;
צו די קברים — טרעבלינקע־אָשוויענטשים
דורך טויזנט טויטן, אין טויזנט שטעט —
מיט אונדזערע קינדער אויף קידוש־השם.

דאָס האָט מען דיך און מיך געהאַנגען
מיט די פיס אַרויף — אויף שטאַנגען ;
געווייגט האָבן מיר זיך הין־און־צוריק
אין מיטן שטאָט אויף אַ פראַסטן שטריק —
ווי צו דער וועלט פאַר יענעם הייליקן ייד !

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן נאַקעט דעם ייד
פון באָרד, פּיאות, אַטלאַס און זייד,
און אים פאַרשרפעט לעבעדיקערהייט.

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן מיין טייערע באָבע
פון שטערנטיכל, פון די בענטש־ליכט,
און זי געשאָכטן, און זי פאַרברים.

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן אונדזערע מאַמעס
פון צניעות, פון דער גאָלדענער קייט,
און זיי אונטערגעצונדן שטומערהייט.

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן אונדזערע טעכטער —
די כּשרע כלות פון די כּשרע חופות —
און זיי געשענדט, און זיי פאַרברענט...

מאַידאַנעק —

מ'האָט אויסגעטאָן דאָס הייליקע „שיכל"
פון אונדזערע עופהלעך און קינדער,
און זיי געבראָטן, ווי שאָף, ווי רינדער.

מאַידאַנעק —

אַז פאַרשאָלטן זאָל איצט ווערן דאָס ליד,
וואָס שרייבט איצט פון יענעם הייליקן ייד;
און פאַרשאָלטן זאָלן איצט ווערן מיינע הענט,
וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים נישט געברענט!

(צוגעשיקט פון אברהם וואַלדהאָלץ)

---

געקומענע יידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה", ווי זיי שרייבן אין דער ווענדונג, וואָס איר ערשטע שורה קלינגט אַזוי: „לייען — און ווער אַ שותף צום נאַציאָנאַלן מאָנומענט". אגב, ווירט דער חורבן־מוזיי אין אויסטראַליע אויפגעשטעלט אונטערן פּאַטראָנאַט פון יד ושם אין ירושלים און צו זיין דערעפענונג איז אַרויסגעפאָרן ד"ר יצחק ארד. די איניציאַטאָרן און טוערס אַרום דעם פּראָיעקט — א. סאָקאָלאָוויטש, יאשא שער, ה. באַכראַך, מ. אייזענבוד, בראָניע און מישאַ עקהאוס און אַנדערע, האָבן זיך פאַרדינט אַ יישר־כּוח !

## אויך די אוניווערסיטעטן אין ירושלים און תל־אביב פּאַראייביקן

ס'איז כּדאי צו דערמאָנען, אַז לעצטנס איז דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם צווישן דער וועלט־פעדעראַציע פון פּוילישן יידנטום און דער לייטונג פון תל־אביבער אוניווערסיטעט צו שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר לערנען און פאָרשן דאָס לעבן פון די יידן אין פּוילן. אויך מיטן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים איז פאַראַן אַ הסכם וועגן אַ בשותפותדיקן פּראָיעקט בנוגע פאָרשונג־אַרבעטן איבערן פּוילישן יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווי אויך וועגן דער יידישער אויטאָנאָמיע אין יענעם לאַנד אין 16טן יאָרהונדערט.

ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט איז איינציקע יאָרן טעטיק אַן אינסטיטוט צו פאָרשן די תפוצות, וועלכער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ ריי וואָגיקע אַרבעטן וועגן אייראָפּעישן יידנטום בכלל, און דעם פּוילישן — בפרט. עס ווערן געגרייט צום דרוק נאָך פּובליקאַציעס פאַר סטודענטן און פאַרן יונגן דור אין ישראל.

## די יזכור־ביכער באַקומען אַ תיקון

די טעג האָב איך באַקומען פון ניו־יאָרק אַ בוך מיטן נאָמען From a Ruined Garden — The Memorial Books of Polish Jewry (פון אַ חרוב געוואָרענעם גאָרטן — מעמאָריאַל־בוך וועגן פּוילישן יידנטום), דערשינען אין פאַרלאַג „שאָקען בוקס". דער מאַטעריאַל פאַר די 275 ז"ז איז געוואָרן צונויפגעזאַמלט, איבערגעזעצט און צוזאַמענגעשטעלט פון אַ זיבעציק יזכור־ביכער, וועלכע זענען זאָרגפעליק שטודירט געוואָרן פון צוויי יונגע יידישע פאָרשערס (דער דריטער דור אין אַמעריקע) — דזשעק קאָגעלמאַס און יוחנן באָיאַרין. דער ספר שטעלט מיט זיך פאָר אַ קווערשניט פונעם לעבן און אומקום פון די יידן אין פּוילן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אָבער אויך אַן אָפּקלייב פון יידישן ישוב אין פּוילן און דאָס שפּרודלדיקע לעבן אין יענעם לאַנד צווישן ביידע וועלט־מלחמות. צום סוף — אַ גענויע ביבליאָגראַפיע פון די ביכער, פון וואַנען ס'איז גענומען געוואָרן דער מאַטעריאַל און קורצע סאַטיסטיש־היסטאָרישע אָנגאַבן פון די אַלע ישובים, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם בוך. די צוויי בחורים האָבן געטאָן אַ וויכטיקע פאָרשעריש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און דערמעגלעכט די יזכור־ביכער זיי זאָלן באַקומען אַ תיקון, אין אַ שיין אַרויסגעגעבן בוך פון אַן ערנסטן פאַרלאַג אין דער ענגלישער שפּראַך.

נישט אַנדערש, אַז אויך דער אונטערגעוואַקסנדיקער דור איז צוגעשטאַנען צו יענע איניציאַטיוון און אויפטוען, וועלכע הערן נישט אויף צו פאַראייביקן דעם דור פון אומקום און אויפקום...

## ביום הזכרון לשואה / צפורה דסקל־וייסלפיש

א
דוחק לכתוב,
מצב — לתאר,
מחשבה להפעיל,
צבור — לשחרר.

זכרון לשואה
יום קשה מלשאת,
כאבך התמידי,
מודגש ביתר שאת.

עינוי נפש
מצבם לתאר,
זוועתם לשאת,
בלי יכולת להשתחרר.

האם רוצה להשתחרר ?
כובד זה לפרוק ?
את יום־יום לחיות ?
הכאב למחוק ?

ב
בחבלים עבותים
עמם קשורה,
זו — התפילה.
אך להמשיך לחיות

בחיים להמשיך,
זהו צוו השואה,
בית־לעמנו לבנות
להמשיך — בגאולה.

לפגוש הרבה תינוקות,
אותם לאהוב,
אליהם לחייך,
זה צרי למכאוב.

במחיר: חמישה מליון
ועוד מיליון ילדים,
מגופות יהודים — סבון,
ראשי תינוקות רצוצים.

ג
להמשיך ולהמשיך
לחיות — ולא לשכוח!
מכאב — ויסורים,
להגביר — כוח.

6.5.1984, גני־יהודה

# אנו, ניצולי השואה מאשימים

## שרה בנק (ארליכמן) סויקה *

(בעקבות מאמרו של חיים גורי ב„דבר", מיום 9.1.84 — „צלב הקרס").

*

יתומים, שכולים ושבורים הגענו ארצה, ארץ יחידה בעולם בשבילנו. „אחד מעיר ושנים ממדינה". על אדמת אירופה ההרוסה, ספוגת דמנו, פגשנו בחיילי הבריגדה — אנשי בשורה. איך אפשר היום, כשיש לנו צבא סדיר, להסביר מה עשה לנו, הפליטים, מראה חייל עם סמל ישראלי. הלכנו אחריהם ובכינו. הם היו בעינינו דמויות לא מהעולם הזה. בודאי, גם אנו עשינו עליהם אותו הרושם, רק בכיוון הפוך.

המפגש שלהם עם עדות חיה של זוועות הפשע זעזע אותם והחלו בפעולה: קבצו את הפליטים במחנות וקיבוצים, דאגו למחיתם, חיפשו קשר עם קרוביהם, חיפשו ילדים יהודים המוסתרים אצל גויים או במנזרים. הקימו בתי־יתומים והכינו אותם לעלייתם בדרך ליגאלית ובלתי־ליגאלית.

זאת האפופיה של „הבריחה".

מאז עברו הרבה ימים. בארצנו הזמן דחוס. מאורע רודף מאורע. מלחמה רודפת מלחמה. ועדיין, ב־84', אנו נמצאים בתוכה. ונוסף לזה — קליטת עליה, קיבוץ גלויות, בלי ידע ותנאים, משברים כלכליים, פוליטיים וחברתיים.

למי היה זמן לעסוק בנושא השואה ?

כשהגענו אחרי המלחמה, לרבים מאתנו לא היה הכח לספר. לאחרים לא היה למי לספר. הסיפורים מן הגיהנום קשים היו, לכן היו גם שלא רצו לשמוע ולהאמין. רווחה הדעה: יש צורך ב„פרספקטיבה היסטורית", והיו שהטילו ב־נרצחים ובניצולים את המשפט הנורא: „כצאן לטבח"!

זאת היתה המכה ה־81.

לא פעם שאלתי: ממתי עומד למשפט הנרצח, ולא הרוצח? אולי זה היה המצפון שהציק לישוב? נדמה לי, שאילו סופרינו ומחנכינו היו חשים את לקח ההיסטוריה ולא היו מקטינים את אסון השואה באינפלציה של ביטויים ואנלו־גיות הגובלות בשערוריה וחילול הקודש, היינו יוצאים חזקים ומלוכדים יותר מהאסון.

ההיסטוריה של עם נרדף, השאירה בנו רגישות לסבלם של אחרים, ובצדק. אינני באה בתלונות נגד מאבק של המיעוט הערבי הלוחם על זכויותיו, וזאת למרות שיפור מצבו הכלכלי, התרבותי והחברתי לאין ערוך במדינת ישראל. יש לכבד את רגשותיהם הלאומיים עם סייגים הקשורים בבטחון.

זלזול בגולה ובהיסטוריה הולידה בורות, חוסר ידע, כתוצאה מחינוך כושל, שהביא לנו תופעה חדשה של צלבי קרס בארצנו. אין זה משנה היכן ועל ידי מי הם מצויירים, אם בהר הזיתים או על ה„דוידקה" בירושלים, על סתם בית או חומה. כל כסות של סאטירה לא תסתיר את הבושה והשקר המתועב הזה! לפנינו ביטוי של טירוף. הייתכן שמישהו יעז לנקוב בשם נאצי או אשכנאצי ?

את מי שרפו כאן? וקיימת שוב התחושה של „אונדזער שטעטל ברענט". את העיירה בוערת כתב המשורר גבירטיג, טרם פרוץ המלחמה, כשחש באסון המתקרב ובא. וכמו אז, לפני פרוץ המרד, שאלנו יחד עם המשורר: „ואתם חובקים ידים, נוכח ההתפרקות ואזלת יד".

ניצולי השואה, שניצלתם בזכות, כך גם יש לכם חובות. עדיין לא פג תפקידכם. אתם בוגרי אוניברסיטת השואה, תצאו ותספרו לתלמידים הצעירים שמחר יצאו לצבא להגן על המולדת — מה היה?

זה צו לנו: הורינו, אחינו ואחיותינו, וכן גם חברינו. תספרו, לחשו, תסבירו בדיוק מה ההבדל בין מלחמה, פוגרום או שואה, תסבירו מה טעמה של מצוקה אמתית, תציירו בפניהם איך נראה דיכוי והשפלה, תספרו איך התייחסו אליכם שכניכם מדורי דורות, אזרחי המקום, איך שדדו ומסרו אותכם לאויב המשותף. תסבירו, שבעת ה„סלקציה" לא היה הבדל בין אם גורשתם מבית מפואר או מבקתה קטנה. תספרו, מה גדולה היתה השואה ורק בנס ניצלה יהדות צפון אפריקה וארץ־ישראל. הרי כל העם כולו — שרידי שואה אנחנו. עם קטן מלא צלקות אנחנו, ולא מעצמה גדולה. אנו יכולים לחיות לפי יכולתנו ולרפא צלקות וסדקים ביחד. ובתקוה שבשלום בינינו לבין עצמנו, נגיע גם לשלום עם שכננו. נאחוז באדמתנו וכאן נחיה!

ניצולי השואה! אין פנאי לטקסים, אזכרות ולעצרות. יש לפעול, אל לנו לפחד לפתוח את לבנו הכואב והמכרסם בנו. נגיב, נסביר ונזהיר, אי אפשר להיות אדישים לנעשה סביבנו. זאת אנו חייבים לאלה שאינם אתנו, לילדינו ונכדינו שהם חיים ויחיו בארץ הזאת.

(„שבועון העמקים")

* בת לובלין, ניצולת השואה, מחברת הספר „בידי הטמאים". אחות במקצועה, המתגוררת בעפולה.

# אויך יידישע מנהיגים ווערן באַשולדיקט

על דעת עיני שראו את השכול ועמסו זעקות על ליבי השחוט — נדרתי נדר: לזכור את הכל, לזכור — ודבר לא לשכוח. (אברהם שלאָנסקי)

נאָך אַ יאָר איז פאַרביי. דער אָנדענק און זכרון פון די זעקס מיליאָן קדושים איז ניט געוואָרן בלאַסער, נאָר פאַרקערט. פון יאָר צו יאָר ווערן די גרוילן און קאָשמאַרן פון די לײדן פון די ייִדן אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן קלאָרער און בולטער — באַגלייט מיט דער אייביקער, שמערצפולער פראַגע: פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט די וועלט געשוויגן און געלאָזט פאַרטיליקן די ייִדן אין אייראָפּע? וואָס האָבן געטאָן די ייִדן אין די פרייע לענדער, און דער עיקר דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום און זייערע מנהיגים? וואָס מער די יאָרן גייען פאַרביי, וואָס מער מיר זענען אָפּגערוקט פון דעם קאָשמאַר פון פאַרניכטונג, גאַז־קאַמערס, קרעמאַטאָריעס, צוגעגרייט דורך די דייטשע מערדער — עגבערט די פראַגע: פאַרוואָס האָבן ייִדן אין די פרייע לענדער נישט אויפגעשטורעמט הימל און ערד? פאַר וואָס האָבן הונדערטער טויזנטער ייִדן אין אַמעריקע און ענגלאַנד נישט דעמאָנסטרירט און געצוווּנגען די פרייע דעמאָקראַטישע וועלט צו רעאַגירן אויף דער פאַרניכטונג.

כמעט נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך דעם קאַטאַקליזם און נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פאָרשן, האָט אַ קאָמיסיע פון פּראָמינענטע אַמעריקאַנער ייִדן, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון געוו. ריכטער פון העכסטן אַמעריקאַנער געריכט, א. י. גאָלדבערג, געקומען צום באַשלוס (אין אַן אינטערוויו אין „ניו־יאָרק טיימס״), אַז קיינער האָט נישט געטאָן גענוג! דער ראַפּאָרט פון 34 אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס שטעלט פעסט, אַז די מנהיגים האָבן ניט דערפילט זייער אויפגאַבע, כאָטש זיי האָבן שוין אין הארבסט 1942 געוווּסט, אַז די היטלעריסטן האָבן באַשלאָסן אומצוברענגען די ייִדן. די הויפּט־סיבה פון זייער פּאַסיווקייט און דורכפאַל איז געווען די צעשפּליטערטקייט, פינאַנסיעלע שוועריקייטן און שוואַכער פּאָליטישער איינפלוס. פיל מנהיגים, דערקלערט דער ראַפּאָרט, האָבן מורא געהאַט פאַר אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מיטן דערמאָנען ייִדישע לײדן, ווען זיי שטערן דער אַמעריקאַנער מלחמה־מאַשין.

דער ריכטער גאָלדבערג דערקלערט, אַז די פּאַסיווקייט אין 1933, ווען היטלער ימח שמו האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד און אין 1941, ווען אַמעריקע איז אַריינגעטרעטן אין דער מלחמה, איז נאָך געווען מעגלעך צו ראַטעווען הונדערטער טויזנטער ייִדישע לעבנס. דער באַריכט זאָגט אויך, אַז פיל אַמעריקאַנער ייִדן האָבן מורא געהאַט פאַרן עפענען די אימיגראַציע־טויערן, קוים וועט עס שטערן דעם ווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג. דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס האָט פאָרגעשלאָגן גאַסן ־ דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען און אַנטי־דייטשישן באָיקאָט נאָך אין יאָר 1940, אָבער ראַביי סטיווען ווייז האָט זיך קעגנגעשטעלט, ווייל דאָס וועט נישט נושא־חן זיין ביי דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע. דער ראַפּאָרט איז ווייניקער קריטיש צו דער אָרטאָדאָקסישער גרופּע, וואָס האָט געהאָלפן ראַטעווען אַ סך תלמידי חכמים פון פּוילן מיט דער הילף פון כאַבאַר און פאַלשע פּאַספּאָרטן.

די קאָמיסיע קומט צום אויספיר, אַז די פירער פון אַמעריקאַנער ייִדנטום האָבן געמאַכט דריי פעלערן:

א) נאַציזם איז נישט אַנדערש ווי אַ מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן ייִדן איבערגעלעבט די שונאי ישראל, וועלן זיי אויך דעם נאַציזם איבערלעבן.

ב) מ׳קען נישט פירן קיין משא־ומתן מיט היטלערס פאַרבינדעטע אין אייראָפּע.

ג) די אַמעריקאַנער, ענגלענדער און זייערע פאַרבינדעטע וועלן מאַכן אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען ייִדן אין אייראָפּע.

דער ראַפּאָרט גיט צו, אַז די אינטערווענץ פון די ייִדישע מנהיגים ביי די אַמעריקאַנער און ענגלענדער צו באָמבאַרדירן אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן, האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אָפּזאָג. די קאָמיסיע ווייזט אויף, אַז אין רומעניע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיי, האָט מען דורך אַ דרוק פון די אַליאַנטן געקענט אָפּשטעלן די גירושים און פאַרניכטונג.

די ספּעציעלע פאָרש־קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן און פינאַנסירט דורך י. פּ. אייזנער, אַ ייִד פון וואַרשע, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם לאַגער אין בודזין. אין יאַנואַר 1983 האָט ער איבערגעריסן די אונטערשטיצונג פון דער קאָמיסיע און זי באַשולדיקט, אַז זי האַלט צוריק פאַרטרויליכע באַריכטן; אַז די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און אירע מנהיגים זענען עמאָציאָנעל און אידעאָלאָגיש געווען אַזוי אַבסאָרבירט אין אינערלעכע מחלוקתן וועגן העגעמאָניע אין ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, אַז זיי האָבן פאַרגעסן די הויפּט־אויפגאַבע אין דער טראַגישער צייט — די רעטונג פון זייערע ברידער אין אייראָפּע (דער זאַץ און אַנדערע, שאַרפע באַשולדיקונגען פעלן אין דעם נייעם באַריכט). שמואל מערלין און י. פּ. אייזנער סטעמפּלען דעם ענטגילטיקן באַריכט מיט די ווערטער „אַ פּרווו צו פאַרדעקן דעם אמת״.

ס׳איז דער חוב פון אונדז אַלע, די שרידי החרב, ניט פאַרגעסן וואָס ס׳איז געשען מיט די זעקס מיליאָן ייִדן אין אייראָפּע. דערמאָנען די שולד פון די דייטשן מיט זייערע פאַרבינדעטע, ווי אויך געדענקען די פּאַסיווקייט פון אונדזערע ברידער, וואָס האָבן צו ווייניק געטאָן פאַר אונדזער רעטונג.

ווי אַ ניצול געוואָרענער פון לובלינער געטאָ און פון געטאָ אין וואַרשע, האָב איך געפונען פאַר נייטיק צו דערציילן פאַר אונדזערע בני־עיר אין ישראל און אין דער וועלט, וועגן דער ייִדישער פאָרש־קאָמיסיע אין די פאַר. שטאַטן בנוגע דער באַציונג און אויפפירונג פון אונדזערע מנהיגים אין דער סאַמע פינצטערער תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

**משה זילבערבערג**
**פאַר. שטאַטן**

„קול לובלין״, שנתון ארגון יוצאי לובלין בישראל.
תל־אביב, דיזנגוף 158.

המערכת — רעדאַקציע: א. איינשטיין, צפורה דסקל־וייסלפיש, ד״ר אלחנן הורוויץ, מתתיהו הורן, שלמה שטוקפיש, מאיר שילד־קרויט.
העורך — רעדאַקטאָר: דוד שטוקפיש



teatrnn.pl

# יידישע גבורה איז באַהויכט מיט קדושה

**שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק**

אויסצוגן פון אַן אַרויסטריט אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון געוו. געטאָ־קעמפערס, קאַצעטלערס און פּאַרטיזאַנערס, פֿאַרגעקומען אין ירושלים, 1983.

מיר סימבאָליזירן היינט פֿאַר זיך, ווי פֿאַר דער גאַנצער וועלט, יידישע גבורה, קאַמף, העראָיזם. אונדזער באַגריף וועגן גבורה, איז אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער. ווייל פעלקער וואָס האָבן געלעבט מיט גבורה נאָר פון דער שווערד — זענען אונטערגעגאַנגען. הייניקע פעלקער, וועלכע שטיצן זיך בלויז אויף דעם כוח פון דער שווערד — וועלן אויך מוזן אונטערגיין. יידישע גבורה איז באַהויכט מיט קדושה. דערפֿאַר איז אונדזער נצחון אַ גאָר באַזונדערער. דער פרומער יונגערמאַן, וואָס האָט אין אוישוויץ נישט געגעסן די זופּ, ווייל ס׳איז נישט געווען כשר — איז אַ הויכער גראַד פון גבורה. אונדזערע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אין די בונקערס געצונדן חנוכה־ליכט, איז אַן אויסדרוק פון קדושה פון אַ הויכער מדרגה. אין אונדזער גבורה איז פֿאַראַן קדושה און אין דער קדושה — גבורה. די צוויי עלעמענטן שאַפֿן אַ וווּנדערבאַרע סינטעזע פון קיום מיט אַ הויכער מאָראַל. ווער אין דער וועלט קען דאָס פאַרשטיין? וועלכע אומה קאָן באַנעמען דעם יידישן גייסט? אפשר האָט דער גורל באַשערט, אַז אונדזער דור זאָל זיין דער פאַרווירקלעכער פון יחזקאל׳ס נבואה? אויף אונדזערע ביינער איז דאָך אַרויפגעצויגן געוואָרן הויט מיט פלייש. מיר זענען אַ גרויסע מחנה אויפגעקומען קיין ארץ־ישראל. אפשר איז אונדזער לעבן געבליבענעם דור באַשערט צו זיין אין דער דיאַספּאָראַ די טרעגערס און אַנזאָגערס פון דער בשורה פון גאולה. מיר טראָגן די אייביקייט פון אונדזער פאָלק מיט זיך — און גאולה איז אייביקייט.

...מיר ברענען און ווערן נישט פאַרברענט, ווייל גייסט קאָן מען נישט ברענען. דער הייליקער פלאַם האָט מיט זיין שיין באַלויכטן דעם פינצטערן, טרויעריקן, איינזאַמען נעכטן, ביז ער איז אַרויס פון די בונקערס און צוגעקומען אויף די פעלדער פון גליל, באַוויזן זיך אויף די בערג פון יהודה און געברענגט מיט זיך אַ ניי, אויפגייענדיק לעבן.

איך האָב ליב דעם דור מיינעם, וואָס האָט געגלויבט, געבלוטיקט, געליטן — און ביז דעם לעצטן טאָג אָפּגעהיטן דעם גלויבן...

# א לובלינער ייד פון בראַזיל אויף די געטאָ־פייערונגען אין פוילן

**לאַזער גאָלדבוים, סאַן־פּאַולאָ**

צו די פייערונגען צום 40־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, זענען דערוואַרט געוואָרן אין פוילן קאָלעקטיווע גרופן און געסט, צווישן זיי — דריי הונדערט פון ישראל. די רייזע־געזעלשאַפט „אָרביס" האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ יידישער גאַסטראָנאָמישער אונטערנעמונג אין אויסלאַנד, וועלכע האָט באַזאָרגט די געסט מיט כשר עסן במשך אַ וואָך צייט.

דער אָנקום קיין וואַרשע פון די אויסלענדישע דעלעגאַציעס און עקסקורסיעס, האָט זיך שוין אָנגעהויבן דעם 11טן און 12טן אַפּריל 1983.

מאָנטיק, דעם 18טן, האָט דער פרעזעס פון מיניסטאָרן־ראַט, גענעראַל יאַרוזעלסקי, אויפגענומען די פאָרשטייער פון די יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס. דעם זעלבן טאָג איז דערעפנט געוואָרן אין וואַרשע די ניי־רעמאָנטירטע נאָזשיק־שיל אויף טוואַרדע 6. דער פאָרזיצער פון דער וואַרשעווער קהילה, משה פינקעלשטיין, האָט באַגריסט די געסט. אין נאָמען פון דער פוילישער רעגירונג, האָט ביי דער געלעגנהייט גערעדט דער רעליגיעס־מיניסטער פראָפ׳ אַדאַם לאָפּאַטקאַ, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער אַרבעט פון אָפּהיטן די היסטאָרישע ערטער פון פוילישן יידנטום. נאָכן מיניסטער, האָבן באַגריסט: דער הויפט־רב פון רומעניע, משה ראָזען; דער הויפט־רב פון תל־אביב יצחק פרענקל, דער פאָרשטייער פון „דזשאָינט", הענריק טאַוב; דער פרעזעס פון די יידישע קאָנגרעגאַציעס אין אַמעריקע און קאַנאַדע; דער ביסקופּ קאַזשימיעזש מאַידאַנסקי פון עקומענישן ראַט, דער גלח יאַנוש נארזשינסקי פון עוואַנגעלישן קלויסטער אין פוילן. די צערעמאָניע איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ תפילה.

מאָנטיק דעם זעלבן טאָג איז דערעפנט געוואָרן אין וואַרשע די זיצונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן יאַנוש קאָרטשאַק־קאָמיטעט. ס׳האָבן זיך באַטייליקט געוועזענע תלמידים און מיטאַרבעטער פון „אַלטן דאָקטער", געקומענע פון עסטרייך, בעלגיע, דענעמאַרק, פראַנקרייך, ישראל, יאַפּאַן, קאַנאַדע, ביידע דייטשלאַנדס, שווייץ, שוועדן און פוילן.

מאָנטיק דעם 18טן איז דערעפנט געוואָרן אין וואַרשעווער נאַציאָנאַלן מוזעום די אויסשטעלונג „די אָפּגעראַטעוועטע קולטור", אָרגאַניזירט דורך דעם נאַציאָנאַלן מוזעום, יידישהיסטאָרישן אינסטיטוט, אַמעריקאַנער קאָנגרעגאַציעס, היסטאָרישן מוזעום אין קראָקע, אוניווערסיטעט אין ווראָצלאַוו און פריוואַטע פערזאָנען. די אויסשטעלונג האָט מיט אירע עקספּאָנאַטן פאָרגעשטעלט דאָס רעליגיעזע לעבן פון יידן, אויך זייער קולטור און קונסט.

יענעם טאָג איז אין לאָדזש אַנטהילט געוואָרן אַן אָנדענקטאָוול לזכר די קרבנות פון לאָדזשער געטאָ, אויף דעם בנין וואָס שטייט אויף די גאַסן זגיערסקי און לימאַנאָווסקי. ס׳זענען אויך געלייגט געוואָרן קרענץ ביים דענקמאָל נאָך

די יידישע קרבנות אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און ביים מאָנומענט אין פּאַרק „פּראָמעניסטיך" לזכר די קינדער.

דינסטיק, דעם 19טן אַפּריל 12 בייטאָג, איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע אזכרה ביים געטאָ־דענקמאָל, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַן ערך זעקס טויזנט אָנוועזנדיקע. די מיליטערישע ערן־וואַך האָט פּרעזענטירט דאָס געווער. דער אָרקעסטער פון דער פּוילישער אַרמיי האָט דערעפנט דעם אָנדענק־אַקט מיט שפּילן דעם נאַציאָנאַלן הימן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפמאַרש פון דעלעגאַציעס, וואָס האָבן געלייגט קרענץ צופוסנס פון מאָנומענט: „זבאָוויד" (דער פּאַטראָן פון די פייערונגען); וואַרשעווער שטאָטראָט; אינטערנאַציאָנאַלע ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג; אינטערנאַציאָנאַלער אוישוויץ־קאָמי־טעט; יידישער וועלט־קאָנגרעס; קאָנפעדעראַציע פון יידן אין בראַזיל; וועלט־פעדעראַציע פון יידישע פּאַרטיזאַנער, קעמפער און דעפּאָרטירטע; מוניציפּאַליטעט פון תל־אביב; אינסטיטוט יד ושם; „דזשאָינט"; השומער הצעיר אָרגאַני־זאַציע א. נ. פון מרדכי אַנילעוויטש און וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. דערנאָך האָבן געפאָלגט דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע לענדער, צווישן זיי — פון ווילי בראַנדט; יידישער מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע; קינדער היים און יידישע קהילה אין וואַרשע. טויזנטער בינטלעך בלומען האָבן געלייגט די אָנוועזנדע. דערנאָך האָט דער גאַנצער עולם זיך דערנענטערט צום דענקמאָל. איןביידע זייטן האָבן זיך אָנגעצונדן מנורות און הרב פרענקל האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און דער עולם האָט געזאָגט „קדיש" בציבור. מ'האָט אויך געזונגען די „התקוה" און דעם פּאַרטיזאַנער־הימן אין יידיש און העברעיש. דערנאָך האָבן געפאָלגט די געזאַנגען: „אני מאמין" און „עם ישראל חי". די ריזיקע מאַסע האָט נישט גלייך פאַרלאָזט דעם אַני־לעוויטש־פּלאַץ. דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לענדער האָבן זיך האַרציק באַגריסט און געקושט מיט פריינד, וועלכע זיי האָבן יאָרנלאַנג נישט געזען.

דריי שעה שפּעטער, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ נישט גרויסער צאָל מענטשן (און אָפּוועזנהייט פון מלוכה־פאָרשטיי־ער), איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון לייגן קרענץ דורך דעלעגאַציעס פון בולגאַריע, מזרח דייטשלאַנד, כינע (אָדער קאָרעאַ) און אַנדערע.

6 אָוונט איז אין גרויסן מלוכהשן טעאַטער אין וואַרשע פאָרגעקומען די טרויער־אַקאַדעמיע, אין דער אָנוועזנהייט פון אַן ערך צוויי טויזנט מענטשן. צו דער אַקאַדעמיע זענען געקומען אויסלענדישע געסט פון 70 יידישע ישובים, פאַר־שטייער פון די העכסטע אינסטאַנצן פון פּוילן און פון די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע לענדער. די טריבונע איז געווען באַצירט מיט דער אויפשריפט אין יידיש און פּויליש: „כבוד די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ". מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן: ווֹלאָדזשימיערזש סאָקאָרסקי, פּרעזידענט פון „זבאָוויד"; קלמן סולטאַניק, וויצע־פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס (אין יידיש, העברעיש און ענג־ליש); סטעפאַן גראַיעק, פּרעזידענט פון דער וועלט־פעדע־ראַציע פון יידישע פּאַרטיזאַנער און קעמפער. ער האָט גע־רעדט העברעיש און פּויליש. אין נאָמען פון דעם יידיש־קול־טור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פּוילן, האָט גערעדט (יידיש און פּויליש), דער גענעראַל־סעקרעטאַר אברהם קוואַ־טערקאָ. נאָך אַ קורצן איבערייס, איז די אַקאַדעמיע פאָרגע־זעצט געוואָרן מיטן קאָנצערט פון פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער.

אין די טעג פון 20טן און 21טן אַפּריל, האָבן די צאָלרייכע דעלעגאַציעס פון דער וועלט באַזוכט די טויט־לאַגערן טרעבלינקאַ און אָשוויענטשים, ווו מ'האָט אָפּגעגעבן כבוד די מאַרטירער פון יידישן פאָלק און ס'איז אויך אָנגענומען גע־וואָרן דער אַפּעל צו דער וועלט, מער ניט דערלאָזן צו מל־חמות און פירן אַן עקשנותדיקן קאַמף קעגן אויפוואַכנדיקן נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם.

אין באַגלייטונג פון צוויי פּוילישע פריינד האָב איך באַזוכט דעם גענשער בית עולם אין וואַרשע. כ'האָב דאָרט געטראָפן אַ דעלעגאַציע פון דייטשע יידן און קריסטן, וואָס האָבן באַזוכט דעם הייליקן אָרט, ווו ס'זענען באַערדיקט 45 טויזנט יידישע פאַמיליעס פון וואַרשע. ביים אַריינגאַנג האָבן מיר אין דעם בית־עלמין שטיבל געטראָפן צוויי אָנגעשטעלטע — אַ ייד אין די פערציקער יאָרן און אַ יונגן קריסט. פאַראַן דאָרט אַן ערך צוויי טויזנט קברים אין גוטן צושטאַנד. מיר האָבן פאַרצייכנט פיל נעמען פון פאַמיליעס און אָנגעצונדן ליכט ביי אוהל פון י. ל. פּרץ, דינעזאָן און אַנסקי, ווי אויך ביים קבר פון דער מוטער פון יידישן טעאַטער — אסתר רחל קאַמינסקי. אין צענטער פון בית עלמין, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים קבר פון באַרימטן בריסקער גאון, הרב סאָלאָווייטשיק זצ"ל. דער גענשער בית עולם איז ווערט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פון פּוילישע יידן אין ישראל און פון דער גאָרער וועלט.

ס'האָט זיך געלוינט די אָנשטרענגונג, כדי ביי־צווזיין די פייערונגען און ווירדיקע מאַניפעסטאַציע פון אָפּגעבן כבוד די גיבורים און קדושים פון געטאָ־אויפשטאַנד און זען דעם אָנטייל פון וועלט־יידנטום און די ישראלדיקע דעלעגאַציע. גאַנץ באַזונדערס האָט זיך אָנגעזען די וווּנדערבאַרע שומרישע יוגנט, 70 אין צאָל.

מערכת „קול לובלין" אוספת חומר, תמונות ומסמכים על חייה, פועלה ופטירתה של **בלה דובז'ינסקה** הי"ד, ממנהיגות התנועה הציונית בלובלין, שנספתה במיידאנק. אנו גם מוכנים להקליט את סיפוריהם של אנשים שהכירו אותה אישית — ולשם כך נשלח איש מיוחד. את החומר נא לשלוח אל:

מיר גרייטן אַ באַזונדערע אויסגאַבע צום אָנ־דענק פון **בעלאַ דאָבזשינסקאַ** ע"ה, פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטישע טוערינס אין פאַר־מלחמהדיקן לובלין, וואָס איז אומגעקומען אין מיידאַנעק. זכרונות, דאָקומענטן און בילדער, געווידמעט דער פרוי דאָבזשינסקאַ — ביטע איבערשיקן צו:

**ד"ר בן־טובים נתן, פני הגבעה 16, רמת־גן 52 534, או לארגון יוצאי לובלין בישראל, דיזנגוף 158, תל־אביב 63 461.**
**טלפון: 734551.**

# די גרינדונג פון „ישיבת חכמי לובלין"

אין לובלין איז די פאַרגאַנגענע וואָך, ל״ג בעומר, געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר דער פרומער יידישער וועלט אין לאַנד.

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון באַקאַנטן לובלינער עסקן און נדבן, ה׳ זילבער, האָט די אָרטאָדאָקסיע געלייגט אין לובלין דעם ערשטן שטיין צום פונדאַמענט פון אַ וועלט־ישיבה אונטערן נאָמען „חכמי לובלין".

צו די דאָזיקע פייערלעכקייטן זענען זיך צונויפ־געפאָרן די אָנגעזעענסטע רביים און רבנים פון לאַנד און אויסלאַנד. חוץ דעם זענען זיך אָנגעפאָרן עטלעכע צענטליק טויזנטער חסידים פון גאַנץ פוילן.

די רביים פון טשאָרטקאָוו, גער, ראַדזין און אַנ־דערע, האָבן ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן גרויסע דרשות.

די שטאָט, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע צענטליק טויזנט געסט, האָט באַקומען אַ באַזונדערן אויסזען. די לובלינער חסידישע בעלי בתים האָבן דעם צוזאַמענקונפט פון אַזוי פיל פרומע יידן און אַזעלכע אָנגעזעענע רביים אויסגענוצט אַלס דעמאָנסטראַציע און אפילו דעקאָרירט די באַלקאָנען.

דאָס סאַמע ווינשנסווערטיקע פון דער דאָזיקער פייערלעכקייט איז דאָס, אַז פאָרלויפיק ווערט קיין שום פּאָליטיק געטריבן אַרום דעם גרויסער ישיבה.

אַזוי האָבן זיך אין דער פייערונג באַטייליקט פון איין זייט דער גערער רבי, וועלכער איז, ווי באַוווּסט, דער פאָטער פון דער „אגודה", און פון דער צווייטער זייט — דער טשאָרטקאָווער רבי, וועלכער איז ווי באַוווּסט, אַ קעגנער פון דער „אגודה".

כדאי צו באַמערקן, אַז אויך די ישיבות האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ מין באַזיס פאַר פּאַליטישע קאַמפן פאַר פאַרשידענע אָרטאָדאָקסי־שע גרופּעס. מיר האָבן דאָס געזען איצט, בעתן אָנהויב פון וואַל־קאַמף אין וואַרשע. איין גרופּע טרייבט רכי־לות קעגן דער צווייטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָדער יענער ישיבה.

אַנדערש איז, ווי מיר זעען דער פאַל מיט דער לובלינער ישיבה, וואָס צו איר זענען צוגעטרעטן די אָנפירערס כמעט פון אַלע אָרטאָדאָקסישע גרופּירונגען.

די ערשטע ציגל האָט געלייגט דער טשאָרטקאָווער רבי. דער עולם איז אַזוי גרויס, אַז נאָך גרויסער מי, באַקומט ער זיך דורך צום פונדאַמענט־גרוב. צוזאַמען מיט די ציגל וואַרפט ער אויך אַריין אין גרוב עטלעכע גאָלד־מטבעות.

(פון אַן אויסגאַבע פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — צוגעשיקט פון ישראל אייזענבערג, לאָס־אַנזשעלעס).





ר׳ מאיר שפירא זצ״ל ביים לייגן דעם גרונטשטיין פון ישיבת חכמי לובלין.

אַ טייל פון עולם ביי דער גרונטשטיין־פייערונג בעת דער רעדע פון ר׳ מאיר שפירא זצ״ל.

# דאָס הויז פון מיינע יוגנט־יאָרן

זהבה ליכטענבערג (גאָלדע גוטערמאַן) / קיבוץ עברון

יאָרן לאַנג האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן באַשרייבן דאָס הויז אין לובלין, ווו כ׳בין געבוירן געוואָרן און געלעבט 16 יאָר — דאָס הויז אויף שעראָקע 35, וואָס איז געווען מיין פאָטערלאַנד. און דאָס וויכטיקסטע — „מיינע אוניווערסיטעטן". אין דעם הויז האָבן געלעבט הערלעכע געשטאַלטן, אמתדיקע מאַרטירערס אין שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דאָך האָבן זיי געפונען צייט פאַר זעלבסט־לערנען און פאַר... פאָליטיק. מ׳האָט געוואָלט אומברענגען די אַלטע וועלט, וואָס טויג שוין ניט מער.

די מערהייט פון יענע מענטשן לעבן שוין ניט — טאָ זאָל מיין באַשרייבונג זיין אַ ליכטל פאַר זייערע נשמות.

שעראָקע 35 איז געווען אַ מיקראָקאָסמאָס פון אַ גאַנצער וועלט. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף דער רעכטער זייט, אויב מ׳איז אָנגעקומען פון דער יידישער ברום. צווישן שעראָקע 35 און 37, איז „דורכגעלאָפן" אַ שמאָל, טונקל געסל — „דאָס טויטע געסל". אַזוי האָט מען עס גערופן. דאָרט זענען דורכגעגאַנגען אַלע יידישע לוויות צו דער מהרש״ל־ און מהר״ם־שיל.

גלייך נאָך דער שיל האָט געפירט אַ וועג צו די וואָלער לאָנקעס, וואָס דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. און פון דער צווייטער זייט פון דעם הויז, גאַנץ נאָענט, איז „געקראָכן" קאָקי־בעביס טייך. זומער איז דאָס וואַסער דערגאַנגען ביז צו די קנעכלעך, אָבער דאָס האָט ניט געשטערט אונדז, קינדער, צו „מאַכן אַ לעבן" אין דעם טייכל. ווינטער האָט מען זיך געגליטשט מיט די קאַלאָשן.

די גאַס האָט געהייסן שעראָקי, אָבער יידן האָבן זי גערופן די יידן־גאַס — און מיט רעכט.

אויף דער גאַס האָט זיך קאָנצענטרירט זייער אַ סך פונעם יידיש־קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן. אין אָנהייב פון דער גאַס, אויף דער בריק, איז „געלעגן" דער קן פון „השומר הצעיר". אויף שעראָקי — דער „צוקונפט" (בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע). שעראָקי 16 — דער נאָדל־פאַריין. און צופוסן פון דער גאַס, שוין אויף דער רוסקע־גאַס — דער סטאָלער־טרעגער און לעדער־פאַריין. אַ ביסל ווייטער — אויף רוסקע 18 — די פאָלקסשול א. נ. פון בער באָראָכאָוו און „יונגבאָר", — די קינדער־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי־ציון.

אין אָוונט איז פול געוואָרן די גאַס מיט דער שפּאַצירנדיקער יוגנט. ווער אין צווייען, ווער אין פיר. מ׳האָט דיסקוטירט און פאַרברענגט. מיידלעך און יינגלעך האָבן געלאַכט און אויך געשמועסט ערנסט.

ב

אינמיטן דער גאַס איז געשטאַנען דאָס הויז פון מיינע יוגנט־יאָרן. אין דעם הויז, ווי דערמאָנט, האָבן געוווינט הערלעכע געשטאַלטן. די מערהייט — בונדיסטן, לינקע פּועלי־ציון און קאָמוניסטן. אין יענעם הויז איז מיין פאָטער געווען דער איינציקער לאָקאַטאָר וואָס האָט געטראָגן אַ יידיש היטל. ער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד.

יעדער איינוווינער אין דעם הויז, איז געווען אַ געשיכטע פאַר זיך — און אַ סך זייטן פון אַ בוך, האָט מען געקאָנט באַשרייבן.

איך וועל זיך באַמיען צו דערמאָנען די אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס איך האָב זיי געשעצט:

רייזל־רוזשע ראָזנצווייג, אַ גבירישע טאָכטער, געלערנט, אינטעליגענט, אַ חברטע פון לינקע פּועלי־ציון. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע וווינונג און שיין מעבל. ביי רייזל־רוזשע מיט איר ברודער מאיר (אויך אַ פּועלי־ציוניסט), האָט מען איינגעאָרדנט פאַרשידענע קרייזן און צונויפמענטרעפן. ביי זיי אין וווינונג האָב איך באַקענט שלמה מיטעלמאַן ז״ל, דוד שטאָקפיש, שרה אַכטמאַן, פאַני פערלמוטער און פיל אַנדערע. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיצן שטילערהייט אין אַ ווינקעלע און זיך צוהערן, הגם כ׳האָב גאַנץ ווינציק פאַרשטאַנען.

אין דער אַנדערער טיר פון זיי האָט געוווינט נח און רחלע שילדקרויט, באַקאַנטע אין לובלין פּועלי־ציוניסטן. ספּעציעל וויל איך דערמאָנען די צאַרטע און איידעלע רחלע שילדקרויט, וואָס האָט ביי זיך אין שטוב געגעבן יידיש־לעקציעס.

אויף דעם זעלבן שטאָק האָט געוווינט די משפּחה סטאָדאָלניצקי — צוויי ברידער צוקונפטיסטן און זייערע עלטערן — בונדיסטן. אויך די פאַמיליע שרייבמאַן, נידעריק געוואָקסענע, אָבער זייער הויך אין קולטור און וויסן. אַלע קינדער האָבן געלערנט אין גימנאַזיע.

אויך אַ זייער געלערנטע פאַמיליע זענען געווען קופּערשמידס קינדער. זיי האָבן אַליין געלערנט.

איך וויל אויך דערמאָנען לאָזער גאָלדבוים (ער לעבט אין בראַזיל) און זיין שוועסטער מינאַ. ביידע האָבן געהערט צו דער קינדער־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון — „יונגבאָר". אַ געוויסע צייט אויך באַלאַנגט צו דער גרופּע וועגעטאַריאַנער (אברהם זאבוסקי, מלכה גאָזשיטשאַנסקי, גיטעלע שילדקרויט, לאָזער און מינאַ גאָלדבוים, דוד שטאָקפיש און אַנדערע). מ׳האָט זיי גערופן „צער בעלי חיים".

מיינע נאָענטע חברים זענען געווען: משה צווייגנבוים, בערל קופּערשמידט, חיים פּרץ און הערצל. מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען, געלייענט ביכער, דיסקוטירט און געטרוימט וועגן אַ בעסערער וועלט.

בכלל האָט דאָס הויז פון מיינע יוגנט־יאָרן ליב געהאַט צו דיסקוטירן — אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווי אין די קורצע זומער־נעכט. אַלע שכנים פון דעם הויז, זענען געווען ווי איין משפּחה...

# דער „האָטעל נאַדווישלאַנסקי"

**יוסף אַכטמאַן, בת־ים**

מיר, די פאַמיליע אַכטמאַן, האָבן יאָרן־לאַנג געוווינט אויף שוויענטאָדוסקע 8, אין אַזוי גערופענעם „האָטעל נאַדווישלאַנסקי", וואָס האָט געהערט צו אַ געשמדטער יידישער אלמנה פון וואַרשע און איז געווען פאַרדונגען צו צוויי שותפים: נח שילדקרויט און י. לעדערמאַן. דער הויף פון האָטעל האָט געדינט אַלס אַ „זאַיאַזד" פאַר די פּויערשע וואָגנס און פורן, וואָס האָבן געברענגט אין שטאָט אַריין זייערע דאָרפישע פּראָדוקטן און דערנאָך איינגעקויפט פאַר זיך אין די געוועלבער אויף שוויענטאָדוסקע און נאָווע צוקער, זאַלץ, נאַפט, שווע־בעלער, מאַכאָרקע און אנדערע סחורות. אין דעם הויף זענען אויך געקומען און געפאָרן קיין זאַמאָשטש און אומגעגנט די בווידן. אַמאָל איז מען דאַך געפאָרן גאַנצע אַכט שעה פון לובלין קיין זאַמאָשטש, צונויפגע־פּאַקט ווי די גענדז אין אַ שטייג, אין אַ וואָגן איבער־געדעקט מיט אַ ברעזענט, געשפּאַנט מיט פערד. נחס ווייב, אַ ברייטע, דיקע יידענע, מיט צוויי תמיד פייכטע, קראַנקע אויגן, האָט מיט דער הילף פון צוויי טעכטער אַנגעפירט מיט אַ רעסטאָראַן, ווו יידן און פויערן, ווי אויך די וואָיאַזשאָרן־אַגענטן, וואָס זענען געקומען פון לאָדזש, וואַרשע און טיף רוסלאַנד מיט זייערע סחורות און געוווינט אין האָטעל, האָבן זיך מחייה געווען מיט אַ טעלער הייסע לאָקשן מיט יויך און גרויסע באָבעס, צי מיט אַ גריץ, אין וועלכער מען האָט אריינגעבראָקט אַ האַלב ברייטל, זי זאָל זיין נאָך מער געדיכט. חיה'לע די קעכין האָט שוין געוווּסט וועמען צו געבן אַ גוט פערטל הון, אַ פעטע געענדזענע פולקע, אַ געדיכטע זופּ — און וועמען אַ שיטערע, ממש וואַסער. אירע געסט האָט זי גוט געקענט און געוווּסט ווי מיט כבוד צו באַדינען דאָס „שאַנד־הייזל".

גרויס כבוד האָט דעם „האָטעל נאַדווישלאַנסקי" נישט געבראַכט דאָס „הייזל", אַנגעפירט פון אַ יידיש פּאַרפאָלק. איך געדענק גוט די טיר, וועלכע האָט פאַראייניקט אונדזערע ביידע דירות און דעם „שכן".

דער האָטעל אין הויף האָט זיך געצויגן אין דריי זייטן: פראָנט, ווו מיר האָבן געוווינט, ווי אויך רעכטס און לינקס, מיט הילצערנע באַלקאָנען, לויט דעם ווענעציאַנער סטיל. אין דער לינקער זייט האָט זיך געפונען אַ לאַנגע שורה קאַמערן, ווו די לאַקאַטאָרן האָבן געהאַלטן האָלץ, קוילן, אַלטע זאַכן און סתם שמאַטעס. אין דער רעכטער זייט זענען געווען איינצלנע צימערן, „נומערן" פון האָטעל פאַר די אַלע, וואָס זענען געקומען קיין לובלין איבערצונעכטיקן, אָדער ווינען אַ קורצע צייט. אין צוויי פון די „נומערן", רעכטס, שכנותדיק צו אונדזער דירה, איז געווען דאָס „הייזל", ווו אָן חופה און קדושין, האָט יעדער מאַן באַקומען אַ „ווייב" אויף אַ קורצע צייט, לויט דעם פּרייז, וועלכן מ'האָט באַדאַרפט איינצאָלן אַ ייד אַ גבר, ממש אַן אַטלעט, תמיד האַלב שיכור, וואָס האָט נישט איינמאָל געגעבן אַ לייטישן זעץ אַ קונה, אַפילו אַ סאָלדאַט, ער זאָל וויסן, אַז פאַר „ליבע" צאָלט מען. נישט איינמאָל האָט „דער טאַטע פון הייזל" זיך באַרימט אַז „נישט ביי מאַטיען" גייט אַן אַזאַ „נומער" ווי נישט צו צאָלן. ער איז אַמאָל געווען פאַרשיקט קיין סיביר, אויף 10 יאָר תפיסה און קאַטאָרגע־אַרבעט פאַר אַנפאַלן, מאָרד, רויב אין די בילגאָרייער וועלדער, צוזאַמען מיט אַ באַנדע ציגיינער.

זיין „געשעפט" איז געווען אָפן ביז שפּעט ביינאַכט. שבת און יום־טוב — געשלאָסן, אָבער טעטיק נאָר פאַר געשוווירענע, פּריווילעגירטע, סטאַבילע געסט. יום כיפור — אַפילו נישט פאַר אַזעלכע געסט. אגב, אין יום־כיפור, האָבן אַפילו די „דאַמעס" געפאַסט...

דערפאַר אָבער זענען די קינדער פון דעם פאַר־פאָלק נישט געווען ענלעך צום „באַרימטן" טאַטן.

ביידע קינדער זענען ניצול געוואָרן און פאַרבליבן אָרנטלעכע מענטשן אין זייער פאַמיליע־לעבן.

מיר געדענקען גוט דעם טאָרג קעגנאיבער דעם „נאַדווישלאַנסקי האָטעל". לינקס, הינטער דער גרויסער הילצערנער געביידע, איז געשטאַנען די „בודע" פון קרויזעס מעל־געוועלב. פון דער זייט פון שוויענטאָדוסקע 8 — ליכטנשטיינס לאַנג הויז, מיט דעם טיפן הויף ביז ענדע דער זשעלאַנע גאַס. דאָרט האָט זיך געפונען זיין געוועלב פון וויין־שנאַפּס און אַנדערע געטראַנקען. ווייטער — דאָס הויז פון בערטשע „קאַניור" (זאַלצ־מאַן?), אַ פערד־און קו־הענדלער. און ווידער שוויענטאָדוסקע 20, דאָס גרויסע הויז פון דעם פּאַלאַק קאַפּטשינסקי, וואָס האָט גערעדט יידיש נישט ערגער פון יעדן ייד. זיין הויז איז געווען פול מיט יידישע לאַקאַטאָרן, אָרעם און רייך.

פון דער צווייטער זייט טאָרג — די נאָווע גאַס. צומערשט דאָס הויז פון אַלטמאַן, אַ קאָלאָניאַל־גע־שעפט; דער שותף האַלבערשטאַט — אַ געוועלב פון פאַרבן. באַלד דערנאָך — דאָס לאַנגע, גרויסע הויז אויף נאָווע עק ריבנע פון ביירעך קאַלבערג; ווייטער — דאָס הויז פון משה דיאַמאַנט, אַ גלאָז־געשעפט, אויך

מיט טעלער, טעפּ, שיסלען. אין דעם זעלבן הויז איז אין הויף געווען אַ בעקעריי. ביים טויער האָט סימעלע די בעקערין פּאַרקויפט געשמאַק געבייטלט ברויט מיט קימל. קונים זענען געקומען פון ווי־ווייט.

ביים סוף פון נאָווע גאַס, איז מען מיט טרעפּ צו געקומען אויף דער קאָוואַלסקע גאַס. כדאי צו דער־מאָנען, אַז דער זון פון דעם גביר משה דיאַמאַנט איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד, ער האָט זיך אויפגעהאַנגען ווייל די רייכע עלטערן האָבן אים נישט דערלויבט חתונה האָבן מיט אַן אָרעם יידיש מיידל, וועלכע ער האָט געליבט.

דער באַרימטער פּוילישער טאָרג איז געווען לאַנג און ברייט, צעטיילט אין שורות. יעדער שורה — לויט איר כאַראַקטער. אין דער ערשטער ריי — פאַרנומען פון יידן. באַלד אין אָנהייב נאָווע גאַס, האָט מען פּאַרקויפט עפּל, באַרנעס, פלוימען, אַגרעס, וויינפּערלער. אין דער צווייטער שורה, פול מיט בודקעס פון פּאַלאַקן האָט מען פּאַרקויפט קאַלבאַס, הערינג (איינגעטונקען אין מעל, געפּרעגלט אויף אייל, אַז דער ריח האָט „פאַרשמעקט" כמעט דעם גאַנצן טאָרג). דאָרט האָבן די פּויערים וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין, זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט די טרייפענע קישקעס און אַ טעלער באָרשטש, צובייסנדיק אַ פרישן, ווייסן קוילעטש — און נישט תמיד מיט דעם שוואַרצן, ראַזעווע ברויט פון דאָרף. אין דער דריטער ריי בודקעס זענען געווען קריסטלעכע כלי־קודש: בילדער פון דער הייליקער מאַריאַ, פון יעזוסן אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס — אין וויגל, אין הימל, אַ געקרייציקטער. אויך קרעלן, אויער־רינגלעך, פינגערלעך, בראַנזליטן פאַר דער פּויערישער געזעלשאַפט. אין דער פערטער שורה — ווידער בודקעס פון יידישע קרעמער מיט גאַלאַנטעריע, מאַנופאַקטור, ביליקע שניטוואַרג, לייוונט, קרעטאָן, קליידער, הויזן, היטלער, ווינטער־פּעלצן פון שעפּסן, שיך, שטיוול. כמעט אַלץ וואָס דער קונה האָט באַדאַרפט.

ביינאַכט און שבת איז די גאַנצע סחורה געוואָרן פאַרשלאָסן אין דער בודקע, אַ מין גרויסער קאַסטן — זייער גאַנצער פאַרמעגן, אַז ס'איז נישט כדאי געווען אַפילו פאַר גנבים הנאה צו האָבן פון דעם מאַיאָנטעק... צום סוף פון דער דאָזיקער ריי, זומער אין די גרויסע היצן און ווינטער אין שניי און קנאַקעדיקן פראָסט, האָבן דאָנערשטיק און פרייטיק יידישע פישערקעס פאַרקויפט פון באַליעס וואַסער פיש, שרייענדיק, אויפן הויכן קול: „ווייבעלעך, אַ פריש העכטל, אַ לעבעדיקער, צאַפּלדיקער קאַרפּ — ביליק ביי מיר, נישט מיט אַ פאַלשער וואָג, לכבוד שבת".

פונקט אַנטקעגן בערטשע קאַניוכס און קאַפּטשינ־סקיס הייזער האָט זיך געפונען דער „פּוילישער טאָרג" פון אַלע דאָרפישע פּראָדוקטן. דאָרט, ממש אויף דער ערד, געבויט אַמפיטעאַטראַל, אויף שטיינערנע טרעפּ פון דער נאָוואַ גאַס ביז דער שוויענטאָדוסקע, האָבן דאָרפישע באָבעס פאַרקויפט הינער, הענער, גענדז, קאַטשקעס, וואָס מער פעטע, מיט שמאַלץ; אויך קאַר־טאָפל, מערן, טעפּ מיט אַמתער סמעטענע, פּוטער, קעז, זויער מילך. זומער — טעפּ מיט שוואַרצע יאַגדעס אויף פּיראַגעס, רויטע פּאָזימקעס, פרישע שוואָמען — און אַלץ אויפן אויג, אויף דער קופּע, אָן אַ וואָג. אַזוי האָט מען געהאַט פון כל טוב און ביליק, יעדן טאָג — פרישע סחורה... נישט איינמאָל זענען גאַנץ פיינע יידישע ווייבלעך געקומען קויפן אויפן פּוילישן טאָרג און נישט אַפילו מדקדק געווען אויף כשרות.

*

דער „האָטעל נאַדווישלאַנסקי" שטייט, ווי פריער, אָבער אָן יידישע לאָקאַטאָרן, אָן יידישע זאַמאַשטשער בעל־עגלות און אָן חיה'לעס כשרע קיך, אַפילו פאַר נישט יידן. די ווייסל, וואָס אויף איר נאָמען האָט געהייסן דער האָטעל, פליסט ווייטער, אָבער אָן יידן וואָס זענען געקומען אהין צו תשליך. די קישקעס און הערינג פרעגלען זיך ווידער, אָבער קיין איינציקער ייד פון שוויענטאָדוסקע וואָס האָט ביי ליכטנשטיינען געקויפט וויין אויף קידוש, פילט נישט מער זייער טריפענעם, דושנעם ריח.

דער פּוילישער טאָרג איז געבליבן עכט פּויליש — אָן יידישע פישערינס, פיש אויף שבת. נישטאָ מער קיין יידישע קרעמער, יידישע ווייבער טאָפּן נישט די פּוילישע פעטע עופות, קויפן נישט פּוטער און קעז ביי די גויים...


# 1000 שקל

**זה התשלום עבור דמי־חבר לשנת 1984 ו„קול לובלין" מס' 19.**

הסכום הנ"ל (כל תוספת תתקבל בתודה) נא להעביר לבנק הדואר

**חשבון מספר 6־27638־4**

**ארגון יוצאי לובלין בישראל**

בחוברת זו נמצאת המחאת בנק הדואר ואנו מבקשים להשתמש בה להעברת הכסף אלינו.

# זכרונות פון אַ הויף אויף דער לובאַרטאָווסקי־גאַס

**יעקב פעלדמאַן, תל־אביב**

## 1

צווישן דער וואָגן־פאַבריק פון העס'ן און דעם הויף פון די פייערלעשער אַנטקעגן דעם יידישן שפּיטאָל, איז געווען אַ גרויסער הויף, וואָס האָט באַלאַנגט צו צוויי בעלי־הבתים פון 2 הויכע הייזער — לובאַרטאָווסקע 52 און נומ' 54, מאיר לוינס הויז, ווו מיר האָבן געוווינט ביז דעם יאָר 1936. די יידישע לאָקאַטאָרן פון דעם הויז ווו מיר האָבן געוווינט, גייען מיר איצט אַדורך אין זכרון ווי אַ פילם.

ביידע זין פון בעל־הבית: לעאָן, אַן אויסגעפּוצטער בחור, וואָס האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, איז געווען אַ גראַווירער. ער פלעגט זיצן לאַנגע שעהן און שפּילן אויפן פאָרטעפּיאַן. דער עלטערער זון, אַלעקסאַנדער, האָט געהאַנדלט מיט ברילאַנטן. ביי זיי אין שטוב פלעגט מען אָפט שפּילן אין ברידזש. זיי האָבן געהאַט דעם ערשטן ראַדיאָ אין הויז און אין דער גאַנצער געגנט. אַ דריטער, נישט אַנטוויקלטער זון אַדאַש, מיט וועלכן איך פלעג זיך אָפּגעבן פיל צייט, גיין מיט אים שפּאַצירן, שפּילן זיך מיט אים און דערפאַר באַקומען פון צייט צו צייט אויף צוויי בילעטן אין קינאָ. נאָר אויסער דעם, האָב איך געהאַט אויף אים רחמנות.

אלי שטריקנמאַכער האָט מיט זיינע דריי קינדער אויסגעאַרבעט אין דעם לאַנגן הויף שטריק פאַר פערד־געשפּאַן, צו בייטשן, צום פּאַקן, צו הענגען וועש אאז"וו. ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ ברייט פאַרטעך מיט אַ טיפער קעשענע, אָנגעפּאַקט מיט פאַקולעס. די פאַקולעס האָט ער פאַרטשעפּעט אין אַ גרויס ראָד, וואָס די קינדער פון הויף פלעגן דרייען און דערפאַר באַקומען אַ פּאָר גראָשן אַ טאָג. ביים שטריקן, פלעגט ער גיין אויף הינטערוויילעכטס און אַזוי אַרום אויסאַרבעטן זיין סחורה.

איך געדענק אויך די משפחה זילבערשטיין מיט צוויי קינדער. ער — אַ קאַמאַשנשטעפּער. דער הונגער האָט אָפט באַזוכט זייער שטוב. דאָך פלעגן זיי יעדער וואָך גיין אין יידישן טעאַטער, אפילו געבאָרגט אויף דעם צוועק, ביי שכנים, באַקאַנטע אָדער משפחה. זיי וואָלטן גיכער באַשטאַנען צו הונגערן, ווי נישט גיין אין טעאַטער.

נאָך אַ משפחה — כץ. דער האָט געהאַט אַ פּראָנט־וואַרשטאַט פאַר גאָלדענע צייג־קאַראַנעס. אַן אַסימילירטער ייד, וואָס האָט נישט גערעדט מיט די אָרעמע שכנים און זיך מער באַטראַכט פאַר אַ פּאָלאַק, ווי פאַר אַ ייד. אַז מ'האָט געענדיקט בויען דעם „ספּולדאָם" ביים זאַקסישן גאָרטן, האָבן זיי זיך דאָרט אַריינגעצויגן, ווייל ס'איז געווען אַ קריסטלעכע געגנט.

און מיר, די משפחה פעלדמאַן: מיין מוטער רייזעלע, מיין פאָטער שמואל מאָלער, מיין עלטערער ברודער חיים און איך. מיין מוטער — אַ נידעריקע, גוטהאַרציקע פרוי, די עכטע יידישע מאַמע, אין פולן זין פון וואָרט. ביי אונדז אין שטוב האָט מען זיך נישט איבערגעגעסן, ס'איז אָבער געווען אויסצוהאַלטן, אַ דאַנק דער באַלעבאַטישקייט פון דער מאַמען. יעדן פרייטיק פלעגט זי נאָך אַוועקטראָגן אַ חלה מיט אַ ברויט אויף שבת פאַר אַ נויטבאַדערפטיקע פאַמיליע. פון צייט צו צייט איז געקומען אַ שכן, אָדער עמיצער וואָס האָט געקאָנט די מאַמען און בעטן זי זאָל אים באָרגן עטלעכע זלאָטיס אויף שבת. זעלטן ווער עס פלעגט איר ס'געלט צוריק געבן, וויסנדיק פון פאָרויס, אַז די מאַמע מיינע וועט אים דערפאַר נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל. מיין פאָטער, אַ שטובן־מאָלער, האָט אָנגעהויבן אַרבעטן עטלעכע וואָכן פאַר פסח און נאָך זומער. ווינטער, אַז ר'האָט נישט געהאַט קיין מאָלעריי, איז ער געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע פיזישע אַרבעטן.

מיין פאָטער איז געווען אַ גלויביקער ייד. יעדן פאַרטאָג געדאַוונט אין טלית און תפילין און באַלד געלאָפן זוכן פרנסה. געקומען אַהיים — ווען ס'איז שוין געווען פינצטער.

אויפן ערשטן שטאָק האָט געוווינט אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די קינדער פון הויף. זיין ריכטיקן נאָמען האָבן די קינדער נישט געוווּסט און דערפאַר אים גערופן „די באָרד". איך געדענק נישט, צי ער האָט געהאַט אַ פרוי. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז פון אים אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט מיט זייער טעכטערל, אַ שיין זיס מיידעלע פון 9—10 יאָר. פון וואָס דער מענטש האָט געהאַט פרנסה — ווייס איך נישט. אין זיין שטוב האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אָרעמקייט.

אינעם הויז האָבן זיך נאָך געפונען זעקס פינצטערע שטיבלעך, מיט וויינענדיקע ווענט, אינעם קעלער. און אין דער הייך — צוויי בוידעם־שטיבלעך, ווו ס'האָבן געוווינט די אָרעמסטע מענטשן. אין יענע טונקעלע צימערן מיט פייכטע ווענט און ליימענע דילן, האָבן געוווינט: אַ געזונטער, ברייטער ייד, בערל טרעגער, מיט זיין יידענע פעסע און צוויי קינדער. תמיד אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבע שטריק און אָפט זיך געוויצלט: „אויף איבערבייס עס איך אַ זעמעלע פון אַ קילאָ און אַ גאַנצן הערינג"... יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס נאָכן עסן, פלעגט זיין פעסע צונויפנעמען די קינדער פון הויף (זומער — אין פינצטערן קאָרידאָר, ווינטער — ביי איר אין קליינעם שטיבל) און זיי דערציילן שרעקלעכע מעשיות פון שדים, וואָס פאַשטעלן זיך פאַר מענטשן; וועגן קאַרגע גבירים, וואָס קומען אין גהינום און דאָרט ברענט מען זיי און מען בראָט אין גרויסע פעסער סמאָלע. בערל פלעגט דעמאָלט געשמאַק שלאָפן, נאָך אַ וואָך שווערע אַרבעט. נאָך אירע דערציילונגען, פלעגן מיר, קינדער, מורא האָבן צו גיין אַ היים.

צו דער אָרעמער משפחה, איז געקומען אַ דינסט־מיידל מיט איר יינגעלע אייזיקל, קוים עטלעכע חדשים אַלט, און

מיט טרערן אין די אויגן געבעטן פּעסין זי זאָל עס צוזייגן — נישט אומזיסט... זי האָט זיך מער נישט באַוויזן און אייזיקל איז דאָרט אויסגעוואַקסן אויף אַ שיין, קלוג ייִנגל — ווי זייערס אַ דריט קינד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער אָנפירער פון די קינדער אין הויף.

2

יעקב שניידער, אַ נידעריקער ייִד מיט אַ ייִדיש היטל אויפן קאָפּ. האָט געוווינט אין דעם הויז מיט זיין קרענקלעך ווייב, צוויי טעכטער און אַ יונגע יתומה פון זייער פאַמיליע. ר' יעקב'ן האָב איך קיינמאָל נישט געהערט און נישט געזען נייען, דערפאַר אָבער האָט מען בייטאָג און ביינאַכט געהערט אים הויך הוסטן. פון וואָס זיי האָבן געלעבט — ווייס איך נישט. אפשר פון דער נישט סטאַבילער אַרבעט פון זייער עלצטע טאָכטער, וועלכע האָט נישט געקענט חתונה האָבן, כאָטש זי איז געווען אַ שיינע, אַלטע פריילין.

יוסף מיטן פידל און זיינע צוויי טעכטער, האָבן זעלטן געאַרבעט ביי שניידעריי. זיין 16־יאָריקער זון האָט אויך געשפּילט פידל ווי זיין פאָטער. רב יוסף פלעגט פון צייט צו צייט שפּילן אויף אָרעמע חתונות. שבת פלעגט מען עסן צום מיטאָג קליינע פישלעך, טשאָלנט, זינגען זמירות און בענטשן מיט מזומן. דערנאָך פלעגט יוסף זיך לייגן אויף זיין קליין, אייזערן בעטל. אונטערן בעטל האָט ער אַרונטער־געשטעלט אַ גרויס טעפּל, וואָס האָט געהייסן קאָמפּאָט. דאָרט זענען געווען אַ 2—3 אויסגעטרוקנטע באַרנעס, אויסגעקאָכט מיט וואַסער און צוקער. יוסף פלעגט אַלע 15—20 מינוט איבעררייסן זיין שלאָף, אויסטרינקען אַ ביסל קאָמפּאָט־וואַסער און ווידער איינשלאָפן. שבת, צו מנחה־מעריב איז יוסף מיטן זון אַוועק אין שילעכל פון ייִדישן שפּיטאָל, אַנטקעגן דעם הויז ווו מיר האָבן געוווינט. דאָרט האָבן זיי געשפּילט ביי די מלווה־מלכות און מ'פלעגט אַמאָל כאַפּן אין מויל אַריין אַ טרונק בראָנפן, אַ שטיקל חלה מיט הערינג. דערנאָך איז יוסף געקומען אַ היים אַ פריילעכער און מיטן זון געשפּילט אויף די פידלען ביז שפּעט ביינאַכט.

אויך דער סטרוזש מאַיעווסקי האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטיבל. זיי האָבן געכאָוועט 3 חזירים, פאַר וועלכע מ'האָט געקאָכט גרויסע טעפּ קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַנדערע אָפּ־פאַלעכץ, וואָס די שכנים האָבן געגעבן. אויפן ווינטער פלעגט מען איינזייערן אַ פאַס מיט קרויט און מייערן. פאַרן איינ־הייצן שבת די קוך, האָבן זיי באַקומען שטיקלעך חלה, פיש, ברויט. קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, האָט מען אויפגעכאָוועט אַ טויב־שטומען שייגעץ אַ קריפּל. פאַר די קלענסטע פאַר־שולדיקונג, פלעגט אים די סטרוזשין מוראדיק שלאָגן און זומער, צי ווינטער אים אַרויסשטעלן אַ נאַקעטן אין הויז אויף אַ סך שעהן. מ'האָט געשמועסט, אַז זי טוט דאָס אַלץ אויס שנאה צו ייִדן, ווייל זי האָט אים געבוירן פון אַ ייִד מיט וועלכן זי האָט געלעבט, ווען זי איז נאָך געווען יונג און שיין.

אין דער ברייט פונעם הויז, איז געשטאַנען אַ הייזקע, אַרומגעצוימט מיט אַ האָלצערנעם, שפּיציקן פּאַרקן, ווו די קינדער האָבן נישט געטאָרט אַריינקומען. דאָרט האָט געוווינט דער אַסימילירטער לערער קרומהאָלץ מיט זיין פרוי, טאָכטער און זיינע עלטערן. ער איז אויך געווען דער אויפזעער איבער די לערערס, וואָס האָבן געלערנט שרייבן פּויליש און רעכענען די קינדער פון תלמוד־תורה, ווו אויך איך האָב געלערנט עטלעכע יאָר. די קינדער פון הויף איז נישט געווען דערלויבט איבערצוטרעטן די שוועל פון זיין הייזקע. פלעגן מיר ביינאַכט אויפברעכן שטיקער פּאַרקן, אויסרייסן זיינע בלומען און גראָזן.

נעבען דעם לערער קרומהאָלצס הייזקע, איז געווען אַ שטאַל, וואָס האָט געהערט צו מאָטל מילכיקער. ער האָט געהאַלטן דריי קי און אַ פערד־און־וואָגן. גליקלעך איז געווען אַן אָרעמע מוטער, אויב זי האָט געקענט קויפן פאַר איר קינד אַ גלאָז פרישע, וואַרעמע מילך, נאָר וואָס אויסגעמעלקטע פון דער קו. נאָך דער שטאַל, פלעגן די קינדער זיך אַריבערכאַפּן אין גרויסן סאָד, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום באָניפראַטן־שפּיטאָל (פאַר גייסטיק קראַנקע), מיט וועלכע ס'האָבן אָנגעפירט גלחים און נאָנעס. אינעם גרויסן, שיינעם סאָד, זענען געוואַקסן פאַרשידענע פּרוכטן. מיר פלעגן זיי רייסן און עסן, וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. נישט איינמאָל פלעגט אָנקומען אַ גלח, וואָס האָט געיאָגט און געדראָט מיט קלעפּ. זענען מיר פאַרשוווּנדן אין שטאַל פון מאָטל מילכיקער.

באַרג אַראָפּ פונעם גרויסן הויף, פלעגן מיר אין די ליכטיקע ווינטער־נעכט זיך גליטשן אויף שטיקער בלעך, צעבראָכענע שיסלען און עמערס. וועגן אַ שליטעלע האָבן די קינדער בלויז געחלומט — קיינער האָט דאָס נישט געהאַט.

פאַר די קינדער פון הויף, איז דער פריילעכסטער טאָג געווען יעדן פרייטיק, נאָר זומער. די מוטערס האָבן אונדז געוואַשן און געצוואָגן, דערנאָך איבערגעטאָן אין קלאָרע וועש, געגעבן אין איין האַנט אַ שטיקל ברויט אָדער חלה אָנגעשמירט מיט אייל צי מיט גענדזן־שמאַלץ, און אין דער צווייטער האַנט — אַ שטיקל ציבל און מיט דעם זיי אַרויס־שיקן אויפן הויף, ווו זיי האָבן מיט גרויס געפילדער געוואַרט אויף די טאַטעס.

3

ביי 13 יאָר, האָט מיין מוטער מיך אַוועקגעפירט צו אַ גאָלדשמיד צו לערנען דאָס פאַך, ביי וועלכן איך אַרבעט (אויסער די מלחמה־יאָרן וואָס כ'בין געווען אין רוסלאַנד), ביזן היינטיקן טאָג. פאַר דעם לערנען האָב איך נאָך באַדאַרפט צוצאָלן דעם גאָלדשמיד 300 זלאָטיס. (אין יענער צייט — זייער אַ סך געלט). דאַן האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין דער פּוילישער שול אויפן טשוטיק, און ערשט נאָכמיטאָג געלערנט גאָלדשמידעריי, נאָר חדשים־לאַנג געווען אַ דינסט ביים מייסטער אין שטוב און באַדינט זיין ייִדענע מיט דריי קינדער. איך פלעג טראָגן וואַסער, רוימען די צימערן, פירן די קינדער אין שול אָדער אין חדר און טוען אַלץ, וואָס זיין ווייב האָט געהייסן.

אין 1936 האָבן מיר זיך איבערגעצויגן קיין טשעכיוו, ווו

מיין פאָטער האָט געהאַט אַן אייגענע הייזקע. אונדז איז גע־וואָרן שווער צו צאָלן דירה־געלט.

אָנהייב 1939, האָט מען מיך גערופן אין פוילישן מיליטער, ווו כ׳האָב געדינט אין 24סטן פיעכאָטע־פאַלק אין לוצק, צו־זאַמען מיט פאַרברעכער, גנבים, קעגנער פון רעזשים און קאָמוניסטן. דעם 1טן מאַי, פאַרטאָג, האָט מען דעם דענקמאָל פון פילסודסקין אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטער פאָן. דריי וואָכן פאַרן איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פוילן, האָט מען אונדז געשיקט נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ. פון ערשטן טאָג מלחמה, האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין צוריק־ציען, אָבער דעם 4טן טאָג, אין אַ געדיכטן וואַלד, האָבן מיר געטראָפן די דייטשן פנים־אל־פנים. מיר זענען מיט אַ הוראַ־געשריי געלאָפן פאָרויס און געשאָסן אויף די דייטשן. פלוצלינג האָב איך דערפילט, ווי מ׳וואַלט מיר איבערגעשניטן די רעכטע האַנט. אַ באַגאָסענער מיט בלוט, בין איך אַנידערגעפאַלן נעבן אַ שטאַרק פאַרוווּנדעטן דייטש. ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, איז דורכגעלאָפן אַ פוילישער זעלנער, מיט אַן אָנגעצילטן באַגנעט, וואָס האָט געמיינט, אַז איך בין אַ דייטש און געוואָלט שטעכן. אינסטינקטיוו האָב איך דערפילט די געפאַר, שנעל זיך איבערגעדרייט און געשריגן, אַז איך בין אַ פוילישער זעלנער — און ניצול געוואָרן. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען קוטנע. צומאָרגנס האָבן זיי איבערגעפירט אַלע פאַרוווּנדעטע זעלנער אין אַ שפּיטאָל, צוזאַמען מיט דייטשישע פאַרוווּנדעטע. אין דעם צייטווייליקן שפּיטאָל אין קוטנע, איז די מעדיצינישע מאַנ־שאַפט געווען אַ פוילישע, נאָר אונטער דייטשער אויפזיכט. ווען אַ זעלנער האָט נישט געהאַט קיין טעמפּעראַטור, האָט מען אים געשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. איך האָב זיך דאָרט באַקאַנט מיט אַ סאַניטאַר, וואָס האָט יעדן טאָג פאַרשריבן, אַז כ׳האָב הויכע טעמפּעראַטור. אַזוי אַרום בין איך דאָרטן געלעגן כמעט ביז ענדע 1939.

אָנגעטאָן אין פוילישן מונדיר, מיט אַ דייטשער דער־לויבעניש, נישט קענענדיק אויסגלייכן די רעכטע האַנט, בין איך געקומען קיין לובלין און געוואָלט איבערצייגן מיין פאָטער און דעם טאַטן פון איטקאַלע ליינער (מיין צוקונפטיקע פרוי), אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן פוילן און אַריבער קיין ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער זיין האָבן פון דעם נישט געוואָלט הערן, מיטן מאָטיוו, אַז זיי קענען די דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — און זיי זענען גוטע מענטשן... דערפאַר איז מיר געלונגען איבערצוצייגן מיינע פריינד מאַניע קאָרענזייער און משה קוגעל צו פאָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך דער קריג, האָבן מיר זיך באַזעצט אין שטשעטשין, ווו כ׳האָב געאַרבעט אין יידישן קאָמיטעט.

אין סעפּטעמבער 1947, בין איך געפאָרן אַלס דעלעגאַט קיין לובלין, אַנטייל צו נעמען אין אַנטהילן די מצבה לזכר די אויסגעמאָרדעטע יידן און גלייכצייטיק זיך באַטייליקן אינעם צוזאַמענפאַר פון לובלינער. דאָ אין לובלין האָבן מיר מיט ווייס־בלויע, רויטע און פוילישע רעגירונגס־פענער מיט טרויער און ווייטיק, באַגלייט מיט באַליידיקונג־ווערטלעך פון די גוים ביז צו דער מצבה. צוריק גייענדיק פון הייליקן אָרט אויף אוניצקע, בין איך אַריין אין הויף פון לובאַרטאָווסקע 52—54, וואָס האָט אַמאָל גערוישט מיט פרייכלעכקייט און געלעכטער פון יידישע קינדער — אָבער דער ריזיקער הויף איז געווען טרויעריק און שטיל. איך בין אַפילו נישט גע־גאַנגען זען די דירה, ווו מיר האָבן געוווינט... כ׳בין שנעל אַוועק מיט ווייטיק אין האַרץ און טרערן אין די אויגן. כ׳האָב געזוכט עמעצן פון מיין גרויסער משפחה אין לובלין, אַבער אָן רעזולטאַט. און מיט ווייטיק און טרויער פאַרלאָזט מיין געוועזענע היים־שטאָט.

# די לובלינער באַגריסונג צו דער דערעפענונג פון העברעישן אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים

צבי זילבערמאַן, רמת־גן

די ווייטערדיקע דערציילונג פירט אונדז צוריק אין דער יידישער לובלין מיט קנאַפע 60 יאָר, דאָס הייסט — אין יאָר 1925. אין ארץ־ישראל האָט מען דעמאָלט זיך געגרייט צו דער פייערונג פון דערעפענען דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים אויפן הר־הצופים. איך בין דאַן געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 12 און געדענק ווי היינט, אַז צו אונדז זענען געקומען אייניקע פאָרשטייער פון לובלינער סוחרים־פאַראיין און באַשטעלט ביי מיין פאָטער שמואל זילבערמאַן ז״ל, אַ באַגריסונג צו דער דערעפענונג פון אוניווערסיטעט, וואָס זאָל זיין געשריבן אויף פאַרמעט און באַצירט מיט געהעריקע אָרנאַמענטן און צייכענונגען.

מיין פאָטער איז געווען באַקאַנט ווי אַ טאַלאַנטיר־טער קינסטלער, און אויך געווען אַקטיוו אין דער „מז־רחי״־אָרגאַניזאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט מיט צופרידנקייט אָנגענומען די באַשטעלונג. איך האָב מיט באַגייסטערונג און באַוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צו דער שיינער אַרבעט און דערביי געפילט, אַז מיין פאָטער ע״ה טוט דאָס מיט גרויס ליבשאַפט.

ווען די באַשטעלונג איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן די פאָרשטייער פונעם סוחרים־פאַראיין אויסגעדריקט זייער אַנערקענונג און צופרידנקייט. נאָכן אונטערשרייבן די באַגריסונג דורך די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער: שמחה

בראַמבערג (פּאַרזיצער), יעקב קערשמאַן, אריה לייב געליבטער, אליעזר ניסענבוים, ראובן פּערסיקאַ אאַנ״ד, האָט מען זי אַוועקגעשיקט קיין ירושלים.

מיין פּאָטער האָט זיינערצייט געמאָלן זייער אַ סך שיינע בילדער, אָבער יענע אַרבעט האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז הגם ס׳זענען פון דאַן שוין אַוועק באַלד אַ 60 יאָר, זע איך אַלץ אַזוי דייטלעך, גלייך ס׳וואָלט געשען ערשט נעכטן. גאַנץ באַזונדערס איז דאָס בילד געוואָרן שאַרפער און דייטלעכער — נאָך מיין קומען קיין ישראל.

ליידער, געפין איך נישט קיין דערקלערונג פאַרוואָס איך האָב די אַלע יאָרן נישט געפּרוּווט אויסצוגעפינען די באַגריסונג און די אַרכיוון פונעם אוניווערסיטעט, הגם איך האָב פיל געטראַכט וועגן דעם און געווען זיכער, אַז דער דאָקומענט איז נישט אַוועקגעקומען. אָבער ווי זאָגט מען: בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט. האָב איך אָנגעשריבן אַ רירנדיקן בריוו צום אוניווערסיטעט אין ירושלים און געבעטן אויסצוגעפינען די דערמאָנטע באַגריסונג, וועלכע איז די איינציק געבליבענע אַרבעט נאָך מיין גאָטזעליקן פּאָטער.

איך האָב לאַנג נישט געוואַרט און באַקומען אַן ענטפער פונעם וואָרטזאָגער פון אוניווערסיטעט, ה׳ בני מושקין, אַז די באַגריסונג איז דאָ, און ווערט זאָרגפעליק געהיטן אין די אַרכיוון פונעם אוניווערסיטעט, צוזאַמען מיט נאָך 80 אַזעלכע באַגריסונגען וועלכע זענען דאַן געשיקט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. דערביי גיט ער צו, אַז מיין פּאָטערס אַרבעט איז איינע פון די שענסטע — און פאַרגעסט אויך נישט מיך צו אינפאָרמירן, צו ווענדן זיך ווען מ׳זאָל דאָס מיר ווייזן.

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין גלייך אַוועק קיין ירושלים, אין די אַרכיוון פונעם אוניווערסיטעט. מיין פעדער איז צו שוואַך צו באַשרייבן מיינע איבערלעבונגען און געפילן, ווען איך האָב געהאַלטן אין די הענט אָט דעם גרויסן פאַרמעט־בויגן, וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַ הייליקייט. די קינסטלערישע אַרבעט פון מיין פּאָטער ע״ה האָט זיך וווּנדערבאַר גוט אויפגעהאַלטן, ווי זי וואָלט ערשט איצט אַרויס פון אונטערן פּענדזל. איך האָב לאַנגע שעה׳ן זיך נישט געקענט שיידן פון דעם. די אָנגעשטעלטע אין דעם אַרכיוו האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש און געגעבן די מעגלעכקייט, ווי אויך צוגעהאָלפן צו פאָטאָגראַפירן עטלעכע מאָל. אַ גרויסע, קאָלירטע פאָטאָ־קאָפּיע פון דער באַגריסונג, געפינט זיך אין „לובלינער ווינקל״ אין תל־אביב, אויף ריזענגאָף 158.

ביים סוף פון מיין דערציילונג, וויל איך בעטן די רעדאַקציע פון „קול לובלין״ צו געבן מיר די מעגלעכקייט אויסצודריקן, אויף דעם וועג, דעם ה׳ בני מושקין מיין האַרציקן און וואַרעמען דאַנק פאַר זיין נאָבעלן און זאָרגפעליקן באַהאַנדלען דעם ענין.

# דער ערשטער ראש־השנה אין באַפרייטן לובלין

מאַרעק ביטער

בלעטערנדיק די אַלטע נומערן „דאָס נייע לעבן״ פון 1946 יאָר, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ רירנדיקע באַשרייבונג פון מאַרעק ביטער, אַ געוו. געפאַנגענער אין מאַידאַנעק־לאַגער וועגן דעם ווי אַזוי די שארית הפליטה אין לובלין האָט געפייערט דעם ערשטן ראש השנה אויף דעם באַפרייטן שטיקל פוילישער ערד. מיר ברענגען דאָ איניקע פראַגמענטן פון דער דאָזיקער פאַרצייכענונג:

...דאָס איז געווען אין לובלין, ערב ראש השנה 1944. איבער די גאַסן האָבן גערוישט די שטאָלענע סאָוויעטישע טאַנקען, וואָס האָבן געאיילט צום פראָנט. דער הימל איז שוואַרץ געווען פון עראָפּלאַנען. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער מיליטערישער לאַגער. זעלטן ווען מ׳האָט געטראָפן אַ מענטש אין ציווילע קליידער.

צו יענער צייט האָבן זיך אין לובלין צונויפגעקליבן עטלעכע הונדערט יידן פון וועלדער, בונקערס, פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן, יידן, באַהאַלטענע ביי פּויערים אין די אַרומיקע דערפער. געקומען זענען זיי אין שטאָט אַריין, אין דער ערשטער באַפרייטער שטאָט, כדי צו טרעפן זיך מיט יידן. דאָס זענען געווען יידן כמעט פון גאַנץ אייראָפּע, פאַרשידענע לענדער. יידן, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די דייטשישע מערדער און על־פּי־נס לעבן געבליבן.

דער יידישער קאָמיטעט אין לובלין האָט צוגעגרייט אין דעם צעשטערטן פּרץ־הויז אַן אויפנאַם־אָרט. יידן, לאָמע און צעבראָכענע, נאָך נישט אויסגעגלייכטע, האָבן מיט די הוילע הענט באַזייטיקט דאָס מיסט, פאַרקלעפּט מיט פּאַפּירן די שראַפּנעלן־אויסגעגראָבענע לעכער אין די ווענט, צונויפגעקלאַפּט מיט ברעטער אַ באַלעמער, אַוועקגעשטעלט אַן אָרון־קודש, אויסגעגראָבן פון דער ערד באַהאַלטענע לייכטערס, און געגרייט זיך צום ערשטן ראש השנה נאָך דעם גרויסן חורבן.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן פאַרנאַכט ערב ראש השנה. עפּעס האָבן זיך ווי באַרואיקט די גאַסן, די שטאָט האָט באַקומען אַ נייעם אויסזען. די פּאָר הונדערט יידן, וועלכע האָבן געשטראָמט צו דער אימפּראָוויזירטער שיל, האָבן געענדערט דעם נאָרמאַלן וואָכעדיקן אויסזען פון לובלין. ווער קאָן פאַרשטיין אַ

teatrnn.pl

ייד, וואָס איז געגאַנגען דאַן אין שול אַריין, ווער קאָן פאַרשטיין, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט? געווען איז ער זיכער אַמאָל אַ טאַטע פון קינדער, אַמאָל ראש-השנה געפירט ביים הענטל זיין משהלע אָדער שלמהלע, אָנגעטאָן אין נייע מלבושימלעך, מיט נייע שיכעלעך, אויסגעוואשן יום-טובדיק דאָס קעפעלע, מיט זיין ווייב ביים זייט, מיטן מחזור איינגעוויקלט אין אַ טיכל. די אויגן אַ ביסל רויטלעך פון טרערן ביים ווינטשן זיך מיט די שכנים אַ גוט, מזלדיק יאָר, אויסגעטאָן פון אַלע דאגות, איז ער, אַמאָליקע יאָרן, געגאַנגען מיט זיין משפחה אין שיל אַריין. און היינט??!

היינט אַליין, איינער אַליין, די הענט ווי נישט נייטיק, ווייל קיינער האָט זיך מער אין זיי נישט געקלאַמערט, אַוועק זענען זיינע קינדער, אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס. אין די גאַז-אויוונס האָבן זיי דאָס לעצטע מאָל דעם טאַטנס הילף גערופן, און ער האָט פונדערווייטנס געהערט זייער געשריי און טיף דעם ווייטיק געפילט און נישט געקאָנט העלפן זיינע נאָענטסטע.

היינט גייט ער מיט צוויי פאַרגליווערטע אויגן, וועלכע קאָנען שוין מער נישט וויינען. אויסגערונען זענען שוין לאַנג זיינע טרערן.

ליגנדיק אין בונקער אָדער אין די וועלדער, האָט ער דאַן געחלומט: אפשר וועט אים אַ נס געשען און ער וועט נאָך עמיצן טרעפן אַ לעבעדיקן. אָבער היינט ווייסט ער שוין גענוי, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. עס האָט אים אַ פוילישער שכן דערציילט וועגן זיין אומגליק. מיט גענויע דאַטעס, ווען דאָס איז געשען, ער האָט שוין גאָרנישט וואָס צו האָפן. און ער שפּאַנט אַליין אין שיל אַריין. און ווען ער וועט אַריבערציען דעם טלית איבערן קאָפּ און צומאַכן די פאַרגליווערטע אויגן, וועט ער לאָזן זיין פאַנטאַזיע זיך פירן צו זיינע נאָענטע, וועלכע זענען געשטאָרבן מיטן וואָרט „טאַטע" אויף די ליפּן.

אָט גייט א פעסטגעבויטער אין מיליטערישע קליידער זעלנער, אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע. ער קומט פון לענינאָ. געיאָגט די דייטשן איבער די שליאַכן פון ווייסרוסלאַנד, באַקומען די גרעסטע אויסצייכענונגען פאַר גבורה, פאַר מוט. מיט ברען פון נקמה פאַר זיין טאַטן, פאַר זיין מאַמען, פאַר זיינע ברודער און שוועסטער, פאַר זיין פאָלק, האָט ער געשאָסן מיט פייער און פאַרברענט אַלץ, וואָס הייסט פאַשיזם און נאַציזם. און שוין זייענדיק נאָענט צו זיין שטעטל, האָט אים די פיינטלעכע קויל געטראָפן, באַצאָלט האָט ער מיט זיין פוס. און איצטער גייט ער שווער איבער דער ערד, אָבער נקמה האָט ער גענומען. ער אַליין האָט געציילט די דייטשישע פאַשיסטן, דורכגעשאָסענע מיט זיין „פעפעשע" — מיטן טיפן אינערלעכן גלויבן אינעם זיג. און היינט זעט ער, ווי מ'יאָגט די בעסטיע, און ער באַדויערט, וואָס ער קאָן שוין נישט נעמען אין דעם געיעג קיין אָנטייל.

ער גייט אין שיל זיך טרעפן מיט יידן, דערציילן זיי וועגן די שווערע איבערגעלעבטע יאָרן, אפשר אָפּנעמען גרוסן, אפשר טרעפן וועמען דאָ פון זיין שטעטל, אפשר פּאָרט ווער געבליבן, און דער „אפשר" עגבערט אַזוי אין מוח, לאָזט קיין מינוט נישט רוען. אין 1939 יאָר אַנטלאָפן פון די דייטשן, איבערגעלאָזט אַ גרויסע משפחה האָרעפּאַשניקעס, מענטשן פרידלעכע, קיינעם גאָרנישט שולדיק געווען, קינדער געהאָדעוועט און פאַר באַלמעלאָכעס געמאַכט. פאַרוואָס האָט מען זיי אומגעבראַכט?

ער קאָן זיך נישט שענקען, ער פילט זיך ווי שולדיק, כאָטש ער האָט זיך דאַן ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן מיט אים צוזאַמען אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. שווער געווען פאַר די איינגעזעסענע און צוגעקניפּטע מיטן שטעטל אַרויסצורירן זיך, איבערלאָזן דאָס האָב און גוטס און גיין אין דער וועלט אַריין. און אפשר, ווען ער וואָלט זיך דאַן שטאַרק איינגעשפּאַרט, וואָלטן זיי געגאַנגען.

קיין קינסטלער וועט נישט בכוח זיין איבערצוגעבן דעם אויסזען און די שטימונג וואָס האָט געהערשט דעם ערשטן ראש השנה 1944 יאָר אין לובלין נאָך דער באַפרייונג. דאָס זענען נישט געווען סתם עטלעכע הונדערט יידן פאַרזאַמלטע אין דער פּראָוויזאָרישער שיל אין פּרץ-הויז. דער זאַל איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דער גאַנצער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. עס האָבן אין דער לופט געשוועבט די נשמות פון די אומשולדיק אומגעקומענע. עס האָט זיך געריסן פון צעווייטיקטע הערצער דער ריזיקער וויי-געשריי צו דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט איר געשוויגן, ווען מען האָט אונדז געברענט? די לעבעדיקע האָבן בלויז די אויגן צוגעמאַכט און געהערט ווי דער עלטסטער ייד, דער בעל-תפילה ביים עמוד, נישט קאָנענדיק מתפלל זיין, האָט געוויינט הויך אויפן קול...

**א. ק.** — „פאָלקסשטימע", וואַרשע

אין פאַריקן נומער „קול לובלין" האָבן מיר פאַרעפנטלעכט דאָס בילד פון פיר לובלינער יידישע מיידלעך בעת אַ שפּאַציר אויף דער קראָקעווער פאַרשטאָט און געשריבן, אַז זייערע נעמען זענען אומבאַוווּסט. אונדזער קאָמיטעט-מיטגליד צעשאַ טראַכטענבערג-פישער (די ערשטע, לינקס) האָט אָנגעגעבן די פולע נעמען פון די פיר: פון לינקס — זי אַליין, דאָרקאַ גאָלדמאַן-טרעמבאָווועלסקי, טעשע פאָרשטעטער און אסתר מייזעלס.

# א יאָר אקטיוויטעטן אין ישראל

א. זאַמדער

אויך אין יאָר תשמ״ד (1983—84), האָט אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל געפירט איר ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט, ווי פאַרייביקונג, צוזאַמענטרעפן, אזכרות, אונטערנעמונגען, קעגנזייטיקע הילף, „קול לובלין״, פאַרבינדונגען מיט די תפוצות אאז״וו. נאָר למען האמת, ווערט דער עולם עלטער און קעלטער און דער שווערער עול און אחריות ווייטער אָנצוגיין מיט דער הייליקער אַרבעט, פאַלט אויף די בידנע פלייצעס פון יחידים, בעת די גרויסע מערהייט שטייט אין אַ זייט... איז נישט קיין וווּנדער, אַז אויך די יחידים ווערן מיד און אַנטוישט. נאָר אין דער אונטערשטער שורה, מעגן מיר זיין צופרידן, וואָס די טעטיקייט ווערט נישט אָפּגעשטעלט און טראָץ אַלע שטערונגען, פירט זיך אַלץ נאָרמאַל, „גלייך ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט״.

ווי דער שטייגער, וועלן מיר אונדזער באַריכט אָנהייבן מיט די צוויי אזכרה־אַקטן אין נאָוועמבער און אין אַפּריל.

## דער אָנדענק־אָוונט אין בית העמלין

דעם 23סטן נאָוועמבער 1983, איז אין בית־העמלין אין תל־אביב אַדורכגעפירט געוואָרן דער יערלעכער, טראַדיציאָנעלער יזכור־אַקט נאָך די קדושים פון לובלין. אין זיין קורצן דערעפענונג־וואָרט, האָט דוד שטאָקפיש גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון דעם אָנדענק־טאָג, איבערגעשיקט ברכות פון אַ רפואה שלימה פאַר לאה קוריס, יוסף ראָכמאַן, עובדיה פעלד און גינא אייזענבערג־עהרענבערג (פון לאָס־אַנזשעלעס) און פאַרבעטן אָנצינדן די זעקס ליכט, לזכר די זעקס מיליאָן קרבנות פון די נאַצישע רציחות: סימא מאַנדעלבוים, סויקא בנק־ערליכמאַן, רחל ליפשיץ, פרידה עמיצור, חוה גאָלדמינץ און דוד רובינשטיין.

שילערס פון עלפטן קלאַס (אורלי, אילנה, יפה, אסנת, איילת און קובי) פון דער גימנאַזיע א. נ. לעאָבעק אין חיפה, אונטער דער אָנפירונג פון דער לערערין ישראלי, האָבן פאָרגעשטעלט אַן אַנטשפּרעכיקן פּראָגראַם אין וואָרט, געזאַנג און מוזיק. דער חזן יצחק ראַקאָווסקי האָט מיט זיין „אל מלא רחמים״ און אַנדערע תפילות גערירט דעם עולם.

דער סעקרעטאַר מתתיהו האָרן האָט מספיד געווען די פאַרשטאָרבענע לאַנדסלייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. מיט אַ ריי מעלדונגען פונעם פאָרזיצער, איז געשלאָסן געוואָרן דער איינדרוקספולער אָוונט.

## ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק

ס׳איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז אין טאָג פון אומקום און גבורה (כ״ז ניסן), ווען מדינת ישראל מערקט אָפּ דעם יאָרטאָג פון 19טן אַפּריל, זאָלן אויך לובלינער אין לאַנד זיך צונויפקומען ביי זייער מאָנומענט אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק און זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון די קדושים.

דער פאָרזיצער פאַרבעט אָנצוצינדן די פאַקלען צוויי געסט פון אויסלאַנד — דינהלע ראָטשטיין פון פּאַריז און שרה סעגאַל פון מיאַמי, און צוויי בני־העיר פון ישראל — יוסף אבטמאַן און יצחק רייכענשטיין. נאָכן אָפּריכטן די געהעריקע תפילות דורכן חזן יצחק ראַקאָווסקי, האָט משה קאָרן גערעדט מיט אַ סך געפיל וועגן דער אומגעקומענער לובלין און רבקה גאָלדבערג־לערמאַן האָט געלייענט פראַגמענטן פון משה שולשטיינס „ביים פנקס פון לובלין״.

כדאי אונטערצושטרייכן, אַז היי־יאָר איז צום מאָנומענט געקומען אַ פיל גרעסערער עולם ווי אַלע מאָל.

## ליטעראַרישער אָוונט צום דערשיינען פון דריי ביכער פון לובלינער מחברים

2 טעג נאָך פסח, דעם 24.4.84, איז אין זאַל פון פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין תל־אביב, פאָרגעקומען דער יערלעכער קבלת־פנים פאַר אונדזערע געסט פון אויסלאַנד, פאַרבונדן דאָסמאָל מיט אַ ליטעראַרישער געשעעניש — דאָס דערשיינען פון די ביכער פון אונדזערע לאַנדסלייט: רבקה גאָלדבערג־לערמאַן — הבית והשואה; בנימין לובעלסקי — יידן אין שפּאַנישן בירגער־קריג; משה זאַלצמאַן — בעלאַ שאַפּיראָ, די פּאָפּולערע פרויען־געשטאַלט.

דוד שטאָקפיש האָט אין האַרציקע ווערטער באַגריסט די דריי מחברים און זיך אָפּגעשטעלט אויפן אינהאַלט פון די ביכער, אין וועלכע ס׳ווערן פאַרייביקט אַ סך לובלינער געשטאַלטן — און דערנאָך פאַרבעטן אין פּרעזידיום יוסף ראכמאַן, דעם קאַסירער פון לובלינער ארגון, וואָס האָט נאָך אַן אָפּעראַציע זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט; רבקה און יהושע גאָלדבערג; משה קאָרן; בנימין וויינרעב; שיינטשע וואַסערמאַן־עקהאַוס (מעלבורן); צעשע און סימאָן זיידענווערג

(ריאָ־דע־זשאַנעיראָ) ; שרה און שמואל סעגאַל (מיאַ־מי) ; בנימין לובעלסקי (ירושלים) — און באַגריסט די אַנדערע געסט פון אויסלאַנד : דזשודי און יוסף רובין (ניו־יאָרק) ; פעסאַלע און שלמה מושקאַט (ליל) ; נחמן גורפינקעל (דיסעלדאָרף). דער רעדנער האָט באַדויערט, וואָס איינִיקע לובלינער יידן פון פראַנקרייך, שוועדן און אַמעריקע, וועלכע האָבן געוויילט צו יענער צייט אין ישראל, האָבן נישט געפונען פאַר נייטיק צו באַטייליקן זיך אין דעם צוזאַמענטרעף.

מיט רעדעס זענען נאָך אַרויסגעטראָטן : די מחברים בנימין לובעלסקי און רבקה גאָלדבערג־לערמאַן. בנימין וויינרעב, פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט קאָריוו, האָט באַגריסט רבקה גאָלדבערג.

## ווידעאָ־פילם פון יום העצמאות־באַל אין „פּלאַזאַ"

דינסטיק, דעם 8טן מאַי, זענען לובלינער יידן אין ישראל, ווי די געסט פון אויסלאַנד, פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ ספּעציעלן אָוונט צו דעמאָנסטרירן דעם ווידעאָ־פילם פונעם יום העצמאות באַל, פאָרגעקומען אין האָ־טעל „פּלאַזאַ" אין תל־אביב, אויף דער פאַרבעטונג פון לובאַ און משה קאָרן.

אין דער אונטערנעמונג האָבן זיך באַטייליקט אַ רייע געסט פון אויסלאַנד : געניע און שמואל שפּיראָ, דינהלע און אברהם ראָטשטיין, ראַשעל און מישאַ ראָזנ־בלום, זשערמאַן און מאָטל ניסענבוים — אַלע פון פּאַ־ריז ; באַלטשע און ישראל אייזענבערג — לאָס־אַנזשע־לעס ; שיינטשע עקהאַוס־וואַסערמאַן — מעלבורן ; גיטל און ראובן גלאַנדאַו — שטאָקהאָלם.

דער פאָרזיצער האָט אַלעמען באַגריסט און פאָר־געשטעלט פאַרן עולם. שמואל שפּיראָ און ישראל אייזענבערג האָבן געענטפערט אויף די באַגריסונגען.

דערנאָך איז במשך אַנדערהאַלבן שעה געוויזן גע־וואָרן דער פילם, וועלכער האָט טריי אָפּגעשפּיגלט דעם פאַרלויף פון דעם גרויסן נשף אין „פּלאַזאַ", מיטן אָנטייל פון איבער 300 לובלינער פון לאַנד און פון אויסלאַנד.

## אויפנאַמע פאַר אונדזערע טוריסטן

דעם 9טן אָקטאָבער 1983, איז אין „לובלינער ווינקל" אויף דיזנגוף 158 אין תל־אביב, פאָרגעקומען אַ קבלת־פּנים פאַר יעקב און רוס ליפּשיץ פון טאָראָנ־טאָ ; די שוועסטערן חנה׳לע און שרה קורין־שטערנבליץ פון פּאַריז ; עוואַ און נאַטעק אַקערמאַן פון שטאָקהאָלם; דזשודי און רובין דזשאָזעפס פון ניו־יאָרק.

אין דעם אינטערעסאַנטן מיינונג־אויסטויש, האָבן זיך באַטייליקט די געסט פון אויסלאַנד, ווי אויך יוסף ראכמאַן, יעקב פעלדמאַן, חיים שטערנבליץ און אַנדערע.

דעם 8טן יולי ה. י., האָבן מיר מקבל־פּנים געווען אין „לובלינער ווינקל" די באַרימטע אַקטריסע פון דער ניו־יאָרקער „פאָלקס־בינע", צפורה שפּייזמאַן ; דאָס פּאָרפּאָלק אסתר און גדליה פישמאַן פון לאָס־אַנזשע־לעס און בראָניע וואַקסבוים פון טאָראָנטאָ.

דער פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל האָט פאָרגעשטעלט די חשובע געסט פאַר די קאָמיטעט־מיטגלידער, וואָס האָבן דערנאָך אָפּגע־האַלטן איינע פון זייערע רעגולערע זיצונגען.

גדליהו פישמאַן, בראָניע וואַקסבוים און צפורה שפּייזמאַן האָבן געענטפערט אויף די באַגריסונגען און זיך געטיילט מיט זייערע איינדרוקן פון ישראל.

אין דער וווינונג פון חנה און משה וואַסאָנג אין תל־אביב איז אויפגענומען געוואָרן דאָס לובלינער פּאָרפּאָלג פון לאָס־אַנזשעלעס, העלען און לעאָן אָבער, וואָס האָבן באַזוכט ישראל.



איפן צוזאַמענטרעף אין בית לייוויק : אַ טייל פונעם עולם אויפן זאַל.

אין שייכות מיט דער חתונה פון הדסה שטערן, די טאָכטער פון אונדזער בן־עיר אביגדור און מאַניע שטערן. די געסט פון לאָס־אַנזשעלעס זענען וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון די אַנוועזנדיקע.

### משה שולשטיינס „ביים פנקס פון לובלין" וועט דערשיינען אין העברעיש

אויף דער איניציאַטיוו פונעם פאַרפאַלק רבקה און יהושע גאָלדבערג, בשותפות מיטן קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אין עברית די פּאָעמע פון משה שולשטיין „ביים פנקס פון לובלין" — חזיון אין אַ קופּע אַש. די איבערזעצונג האָט געמאַכט דער באַרימטער יידיש־העברעישער דיכטער שלמה שנהוד. מיר פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַ דרוקעריי, כדי אַרויסצוגעבן דאָס בוך, מעגלעך אין ביידע שפּראַכן צוזאַמען.

### דערגרייכט אַ הסכם מיט יד ושם

מיט אַ צייט צוריק איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, מיט פאַרשטייער פון יד ושם און פון קיבוץ א. נ. פון די געטאָ־קעמפערס, וועגן אונדזער אָנטייל אין זייערע פאַרייביקונג־פּראָיעקטן: 1) „טאָל פון אומגעבראַכטע יידישע קהילות; ב) היכל פון אויסגעהרגעטן יידישן קינד" (זע דאָס אַרטיקל „מ'הערט נישט אויף צו פאַרייביקן" אויף ז' 6).

### באַראַטונג וועגן די פּראָיעקטן צו פאַרייביקן לובלין

דעם 9טן מאַי 1984, איז אויף דער פאַרבעטונג פון משה קאַרן פאַרגעקומען אין „הילטאָן"־האָטעל אין תל־אביב אַן אינטימע באַראַטונג, מיטן אָנטייל פון דינהלע און אברהם ראָטשטיין, גוניע און שמואל שפּירא, ראַשעל און משה ראָזענבלום, זשערמאַן און יעקב ניסענבוים (אַלע פון פּאַריז), מיט פאַרשטייער פון לובלינער קאָמיטעט: משה קאַרן, חנה און משה וואַסאָנג און דוד שטאָקפיש. דער לעצטער האָט פאַרגעשטעלט פאַר די אַנוועזנדיקע די פאַרשידענע פּלענער צו פאַרייביקן די יידישע לובלין. אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט: שמואל שפּירא, משה ראָזנבלום און משה קאַרן, וואָס האָבן אַקצעפּטירט די פּראָיעקטן און אויך צוגעזאָגט ווייטערדיקע הילף.





מתתיהו הורן מברך בשם יוצאי לובלין בטקס חלוקת מלגות לתלמידי בית־הספר „עלומים" ברמת־השרון. בתמונה למעלה: נציגי הוועד: א. איינשטיין (שלישי משמאל), מ. הורן (ראשון משמאל) ודבורה הורן (ראשונה מימין), עם מנהלת ומורה של ביה"ס.

# אסתר און גדליה פישמאַן פון לאָס־אַנזשעלעס געשאָנקען אַן אַמבולאַנס דעם מגן דוד אדום

דאָנערשטיק, דעם 12טן יולי 1984, איז אין דער אָפּטיילונג פון מגן דוד אדום אין תל־אביב, אויף דער באַזעל־גאַס, פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון איבער־געבן אַן אַמבולאַנס דער דערמאָנטער אינסטיטוציע דורך אונדזער בן־עיר גדליהו פישמאַן און זיין פרוי אסתר פון לאָס־אַנזשעלעס.

צו דער פייערונג זענען געקומען קרובים פון די שפּענדערס, לאַנדסלייט און פריינד, ווי אויך פאָרשטייער פון מגן דוד אדום און די וויצע־פאָרזיצערין פון די לובלינער אין פראַנקרייך — גיטעלע עדעלשטיין און איר מאַן יידל.

דן ארנון, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון מגן דוד אדום, האָט איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע פּרטים פון דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע און דערביי געלויבט די פישמאַנס פאַר זייער ווערטפולער מתנה — דער ספּעציעלער אַמבולאַנס וועלכער איז אויך מסוגל צו פאָרן אין שניי און אויף בערגיקע וועגן־אומוועגן און איז אויסגעשטאַט מיט אַלע נייטיקע מכשירים.

גדליהו פישמאַן האָט אין אַ גוטן עברית דערציילט וועגן זיין פליכט לגבי מדינת ישראל און צוזאַמען מיט זיין פרוי אַראָפּגענומען דעם צודעק פון דער אויפשריפט, מיט די נעמען פון די שפּענדערס, ווו ס'איז שפּעטער אויך צוגעגעבן געוואָרן די צושריפט „לזכר קדושי לובלין".

אין נאָמען פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל האָט באַגריסט דוד שטאָקפיש, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן,









משתתפי הטקס של מסירת האמבולנס ע"י משפחת פישמן. למעלה — אסתר וגדליה פישמן (מימין) והכתובת על האמבולנס (משמאל).

# ווער און מיט וויפל האָט זיך באַשטייערט
# פאַרן ארגון יוצאי לובלין בישראל
## פון 11.1.83 ביז דעם 30.9.84

### פון טויזנט שקל און מערער

| | |
|---|---|
| מאָטל גארטענקראָט, ניו־יאָרק | 100,000.— שקל |
| די קינדער פון ישעיהו האָרוויץ ז"ל, צו זיין אָנדענק | 20,000.— " |
| געניע און שמואל שפּירא, פּאַריז | 6,000.— " |
| ש. פּייראייזן, תל־אביב | 6,000.— " |
| דינהלע און אברהם ראָטשטיין, פּאַריז | 5,000.— " |
| ד"ר נ. בן־טובים, רמת־גן | 4,500.— " |
| זשערמאַן און מאָטל ניסענבוים, פּאַריז | 4,000.— " |
| זעליג און פאַני גורפינקעל, פּאַריז | 4,000.— " |
| דזשאָ געלבאַנד, לאָנדאָן | 4,000.— " |
| העלאַ שוואַרצבאַרט, תל־אביב | 2,000.— " |
| עדה וואַגנער, תל־אביב | 1,500.— " |

### צו טויזנט שקל

ראַשעל און משה ראָזנבלום, פּאַריז; שרה און שמואל סעגאַל, מיאַמי; שלמה מושקאַט, תל־אביב; ב. גרינבערג; יעקב גאָלדשטיין, חיפה; בלומאַ ליבהאַבער; בן־ציון רובינשטיין; נינאַ רעזניק; אברהם ראָזנשער; „תקרין", חולון.

### אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן

| | |
|---|---|
| לובאַ און משה קאָרן („מעות חיטין" און פאַר נויטבאַדערפטיקע ערב ראש־השנה) | 1,900.— |
| לובלינער און אומגעגנט אָרגאַניזאַציע אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע | 500.— |
| אסתר און גדליהו פישמאַן, ל. אַנזשעלעס | 400.— |
| צעשע און שמואל זיידנווערג, מיאַמי | 300.— |
| משהלע לעווינסאָן, ניס | 300.— |
| משה זאַלצמאַן, פּאַריז | 150.— |
| באַלטשע און ישראל אייזענבערג, ל. אַנזש. | 100.— |
| מאָטל גארטענקראָט, ניו־יאָרק | 100.— |
| אירקאַ און מאָריס האָרן, ניו־יאָרק | 100.— |
| לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק | 100.— |
| העניעק און אַננאַ פּרוכטמאַן, ניו־יאָרק | 100.— |
| לעאָ גיטגליק, לאָס אַנזשעלעס | 100.— |
| לובלינער אין בוענאָס־איירעס (געזאַמלט: ק. מיזשעריצקי) | 85.— |
| פאַמיליע אָבער, לאָס־אַנזשעלעס | 75.— |
| רוזשע וויעזשכאָווסקי, בריסל | 70.— |
| מענדאַלע מילשטיין, סאַן־פראַנציסקאָ | 55.— |
| פאַמיליע ווייצענפעלד, מיאַמי | 54.— |
| צפּורה און יוסף שפּייזמאַן, ניו־יאָרק | 50.— |
| דזשודי און דזשאָזעף ראָבין, ניו־יאָרק | 50.— |
| פאַמיליע ראָזענסאָן, לאָס־אַנזשעלעס | 50.— |
| פאַמיליע עוואַנס, לאָס־אַנזשעלעס | 50.— |
| פאַמיליע קראָנבערג, לאָס־אַנזשעלעס | 50.— |
| פּאָלע מאַרגוליס־דרייבלאַט, ניו־יאָרק | 50.— |
| סאַראַ און סעם ברייטער, מאָנטרעאַל | 35.— |
| פאַמיליע שנור ,לאָס־אַנזשעלעס | 35.— |
| פאַמיליע זאַיאָן, לאָס־אַנזשעלעס | 25.— |
| פאַמיליע ראָזענבערג, לאָס־אַנזשעלעס | 25.— |
| פאַמיליע שערמאַן, לאָס אַנזשעלעס | 25.— |
| נחמן גורפינקעל, דיסלדאָרף | 20.— |
| פאַמיליע ברונאָ, לאָס־אַנזשעלעס | 20.— |
| פאַמיליע קאָהען, לאָס־אַנזשעלעס | 20.— |
| הענרי האַלבער, מיאַמי | 10.— |
| געניאַ מיטעלמאַן, ניו־יאָרק | 10.— |
| פאַמיליע זילבערייך, לאָס־אַנזשעלעס | 10.— |
| פאַמיליע לעווין, לאָס־אַנזשעלעס | 10.— |

### אין קאַנאַדער דאָלאַרן

| | |
|---|---|
| לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל | 150.— |
| שלמה בוים, מאָנטרעאַל | 100.— |
| רחלע און נעיטן זימעלשטערן, מאָנטרעאַל | 45.— |
| בראָניע און משה וואַקסבוים, טאָראָנטאָ | 30.— |
| ראָזאַ פרידמאַן, מאָנטרעאַל | 20.— |
| י. הערצמאַן, מאָנטרעאַל | 10.— |
| י. בוים, מאָנטרעאַל | 10.— |
| א. סלאָמע, מאָנטרעאַל | 5.— |
| אהרון ניסענבוים, מאָנטרעאַל | 5.— |
| י. קאַפּלאַן, מאָנטרעאַל | 5.— |

### אין אויסטראַלישע דאָלאַרן

| | |
|---|---|
| שיינטשע עקהאַוס־וואַסערמאַן, מעלבורן | 40.— |
| בראָניע און מישאַ עקהאַוס, מעלבורן | 30.— |
| פּאָלאַ און שמואל זילבערשער, מעלבורן | 10.— |
| פאַמיליע טרייסטמאַן, מעלבורן | 10.— |
| וו. דייוויס, מעלבורן | 10.— |
| ס. האָכראָד, מעלבורן | 10.— |
| ה. האַקמאַן, מעלבורן | 10.— |
| רייטער, מעלבורן | 10.— |
| ס. האַקמאַן, מעלבורן | 10.— |

### אין פראַנצויזישע פראַנקן

| | |
|---|---|
| „פאַריניקטע קינדער פון לובלין" אין פּאַריז | 1,000.— |
| גיטעלע און יידל עדעלשטיין, פּאַריז | 200.— |

### אין דייטשישע מאַרקן

| | |
|---|---|
| יצחק זהבי, פראַנקפורט | 100.— |

אַז דאָס איז שוין דער צווייטער אַמבולאַנס פון לובלינער יידן אין די תפוצות פאַרן מגן דוד אדום (דעם ערשטן האָבן געשאָנקען די לובלינער און אומגעגנט אָרגאַניזאַציע אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע).

דערנאָך האָט דער עולם געגאָסן פון אַ לייכטן כיבוד און ביי דער געלעגנהייט, ווי דער שטייגער, האָט מען זיך געטיילט מיט זכרונות און איינדרוקן פון דער אַלטער היים און פון מדינת ישראל.

# נייע ביכער פון לובלינער מחברים •

# ספרים חדשים של מחברים יוצאי לובלין

## „די ראָל פון יידן אין שפּאַנישן בירגער־קריג״

**ש. ל. שניידערמאַן**

אין דער ניו־יאָרקער וואָכנשריפט „פאָרווערטס״ פון 13.4.84, איז אָפּגעדרוקט אַ לענגערע רעצענזיע איבערן בוך פון אונדזער בן־עיר בנימין לובעלסקי — **„יידן אין שפּאַנישן בירגער־קריג״**, וועלכע מיר ברענגען פאַר אונדזערע לייענערס מיט געוויסע קירצונגען.

נאָך מיין צוריקקער פון באַרצעלאָנאַ, וואו איך האָב געזוכט די שפּורן פון דער פאַרשניטענער „גאָלדענער יידישער תקופה״ אין ווייטן מיטלאַלטער, איז פון ירושלים צו מיר דערגאַנגען אַ נייַ בוך וועגן דעם העראָיש־טראַגישן יידישן קאַפּיטל אין שפּאַניע, ערב דעם חורבן־אייראָפּע — „יידן אין שפּאַנישן בירגער־קריג 1939־1936״ פון בנימין לובעלסקי, אַ ייד פון לובלין, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווערטפולן צושטייער צו דער ריזיקער, אַלץ־וואַקסנדיקער ליטעראַטור און וויזועלער דאָקומענטאַציע (בילדער־אַלבאָמען און פילמען) וועגן דער דריי־יאָריקער ברידער־מלחמה אויפן איבערישן האַלב־אינדזל. דער דאָזיקער רוצחישער קאָנפליקט האָט פאַרשלונגען העכער אַ מיליאָן קרבנות צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג, אָפּגעווישט די יונגע רעפּובליק און האָט פאַר נאַצי־דייטשלאַנד געדינט אַלס גענעראַל־פּראָבע צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

לובעלסקי קאָנצענטרירט זיך הויפּטזאַכלעך אויף דעם יידישן אַספּעקט פון שפּאַנישן בירגער־קריג, אויף דער ראָל פון יידישע פרייוויליקע אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, וואָס איז געוואָרן פאַרטושט נישט נאָר דורך קאָמוניסטישע היסטאָריקער און מעמואַריסטן, נאָך אויך דורך אַנדערע פאָרשער.

דער באַוווסטער בריטישער היסטאָריקער, היו טאָמאַס, וועמענס בוך „דער שפּאַנישער בירגער־קריג״ (האַרפּער ענד ראָו, 1964) דינט ביז היינט אַלס וויכטיקער דאָקומענטאַרער קוואַל וועגן דעם דאָזיקן טראַגישן קאַפּיטל. ער גיט אָן, אַז אויף 40,000 מיטגלידער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, זענען געווען „אַרום 3 טויזנט יידן״.

טאָמאַס, וועלכער איז ביים אויסברוך פון שפּאַנישן בירגער־קריג אַלט געווען קוים דריי יאָר, האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די פאַרשידענע השערות וועגן דער צאָל יידן אין די בריגאַדעס, וואָס האָבן אַרומגענומען פרייוויליקע פון פאַרשידענע לענדער. לובעלסקי, וועלכער איז געשטאַנען ביים געבורט פון דער פּוילישער דאָמבראָווסקי־בריגאַנדע און איז געווען אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר אין איינער פון אירע איינהייטן, וואַרפט אָפּ די שאַצונג פון היו טאָמאַס און באַהויפּטעט, אַז אין די רייען פון די 40 טויזנט פרייוויליקע פון 53 לענדער, וועלכע האָבן געקעמפט אויף דער זייט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, האָט די צאָל יידן דערגרייכט 8 טויזנט. אין דער פּוילישער דאָמבראָווסקי בריגאַדע און אין דער אַמעריקאַנער לינקאָלן־בריגאַדע, האָט די צאָל יידישע פרייוויליקע, לויט לובעלסקיס שאַצונג, באַטראָפן פון 40 ביז 50 פּראָצענט. ענלעך איז געווען די פּראָפּאָרץ פון יידן צווישן די געפאַלענע אויף די פראָנטן.

די שאַצונג פון לובעלסקין איז באַזירט אויף זיינע פערזענלעכע אָבסערוואַציעס און גרונטלעכע פאָרשונגען, ווי אויך אויף די גבית־עדות פון יידישע פראָנט־קעמפערס אין די פאַרשידענע בריגאַדעס, מיט וועמען ער האָט שפּעטער, נאָכן צוזאַמענברוך פון דער רעפּובליק, דורכגעמאַכט אינטערנירונג־לאַגערן אין פראַנקרייך און אין נאָרד־אַפריקע.

אין זיין בוך, וואָס איז לובעלסקיס געראָטענער שרייבערישער דעביוט אין יידיש, ווערט געשטעלט דער טראָפּ אויף דעם ענין פון פאַרשוויגענעם און מינימיזירטן אָנטייל פון יידן אין דער פאַרטיידיקונג פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע. אין דער הקדמה קלערט ער אויף דעם הינטערגרונט פון דער טענדענץ צו פאַרטושן דעם פאַרנעם פון יידישן אָנטייל אין דעם דאָזיקן ערשטן, באַוואָפנטן קאַמף קעגן היטלערס „קאָנדאָר״־לעגיאָן, מוסאָליניס „שוואַרצע העמדלער״ און דעם שפּאַנישן פרעמדן־לעגיאָן אונטער גענעראַל פראַנקאָ. ער פירט אויס, אַז „אין די געדענק־ביכער פון די פראַנצויזישע פרייוויליקע זענען די יידן געווען פראַנצויזן און אין די געדענק־ביכער פון די פּאָלאַקן זענען זיי געווען פּאָלאַקן״.

לובעלסקי שטרייכט אויך אונטער די שוועריקייטן ביים אידענטיפיצירן די יידישע פרייוויליקע, וועלכע זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין זייערע לאַנד־איינהייטן. „די פּוילישע יידן זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע; די פראַנצויזישע — אין דער מאַרסעי־בריגאַדע; די דייטשע יידן — אין טעלמאַן־באַטאַליאָן און די אַמעריקאַנער יידן אין דער לינקאָלן־בריגאַדע... אַנדערש איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, עס האָט פּשוט נישט געקענט זיין אַנדערש״.

דער מחבר קומט דאַן צום קאַפּיטל פון דער יידישער באָטווין־איינהייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן „ערשט נאָך אַנדערהאַלבן יאָר עקזיסטענץ פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס״ און איז אויסגעטיילט געוואָרן פון דער פּוילישער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע. ער באַמערקט, אַז די יידישע פרייוויליקע האָבן געהאַט גאָר אַ קנאַפּע ראָל אין דער דאָזיקער איניציאַטיוו און אַ טייל פון זיי האָט עס אַפילו באַטראַכט אַלס געצוווּנגענע סעגרעגאַציע. „דער באַשלוס וועגן שאַפן אַ באַזונדערע יידישע איינהייט איז גאָר געקומען פון מאָסקווע, ווייל די פירנדע קאָמוניסטישע אינסטאַנצן אין קאָמינטערן האָבן איינגעזען, אַז אַ יידישע איינהייט וועט מאַכן אַ גוטן איינדרוק לטובת דער זאַך פון דער קעמפנדער שפּאַנישער רעפּובליק״.

ס'איז אָבער אָנגעגאַנגען אַ לאַנגער שקלאָ־וטריאָ וועגן דעם נאָמען פון דער פּראָיעקטירטער יידישער איינהייט. דער פּוילישער פאָרשטייער פון קאָמינטערן אין שפּאַניע, רוואַל, וועמענס אמתער נאָמען איז געווען גוסטאַוו רייכערט און האָט געשטאַמט פון אַן אַסימילירטער יידישער משפּחה אין לאָדזש, האָט פאָרגעשלאָגן: „בר־כוכבא״. ריוואַל־רייכערט, אַ מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז לאַנגע יאָרן געזעסן אין פּוילישע תפיסות און דערנאָך איז ער אין מאָסקווע געוואָרן די רעכטע האַנט פון געאָרגי דימיטראָוו האָט געהאַלטן, אַז דער נאָמען פון דעם ביבלישן העלד בר־כוכבא וועט אַמבעסטן אונטערשטרייכן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און קאַמפס־גיריקייט פון די יידישע פרייוויליקע, ענלעך ווי דאָס איז מיט די נעמען פון דאָמבראָווסקי און לינקאָלן.

די יידישע קאָמוניסטישע פירער פון פּאַריז, וועלכע האָבן

וועלכע די פּרײַוויליקע פֿאַרן ייִדישן באַטאַליאָן, האָבן אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג אַלס „צו נאַציאָנאַליסטיש". זייער פֿאָרשטייער, זשאַק קאַמינסקי, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פֿון פּאַריז כּדי צו אָרגאַניזירן די אײַנהייט, האָט אַרויסגערוקט דעם נאָמען פֿון ייִדישן קאָמוניסטישן מאַרטירער פֿון לעמבערג נפֿתּלי באָטווין, וואָס איז אין יאָר 1925 געהאָנגען געוואָרן פֿאַר דערשיסן אַ פּויליש פּראָוואָקאַטאָר.

ווי אַ באַשטעטיקונג פֿאַר דער נטיה בײַ ייִדישע קאָמוניסטן צו פֿאַרווישן זייער ייִדישע אידענטיטעט, ברענגט לובעלסקי דעם פֿאַל פֿון דער גרויסער גרופּע פֿון העכער 300 פֿרײַוויליקע, וועלכע זענען געקומען קיין שפּאַניע פֿון ארץ־ישׂראל און האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט „אַ גוטן קערן פֿון אַ באַטאַליאָן". נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען שוין לאַנגע יאָרן געהאַט געוועזן אין ארץ־ישׂראל, „האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַלער באַשטאַנד־טייל פֿון די לענדער, פֿון וואַנען זיי זענען אורשפּרונגלעך געקומען". זיי זענען דעריבער אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין פּוילישע, דײַטשע, יוגאָסלאַווישע און אַנדערע אײַנהייטן. בכלל האָבן זיי זיך געהיט צו קעמפֿן אין די רייען פֿון אַ „ייִדישער אײַנהייט, וואָס וואָלט געשמעקט מיט נאַציאָנאַליזם און פֿאַנאַטיזם".

צווישן די 300 פֿרײַוויליקע פֿון פּאַלעסטינע, זענען געוועזן סך־הכּל צוויי אַראַבער. איינער פֿון זיי, וועלכער האָט חוץ אַראַביש געקענט אַביסל ייִדיש, איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער באָטווין־אײַנהייט, וועמענס אינסטרוקציעס און קאַמף־באַפֿעלן זענען געווען אין ייִדיש. די אײַנהייט האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ העקטאָגראַפֿירטן וועכנטלעכן ביולעטין, וואָס איז געוואָרן אָפּגעקלאַפּט אויף אַ שרײַב־מאַשין. דאָס איז געווען די ערשטע פּעריאָדישע אויסגאַבע אויף ייִדיש, וואָס איז ווען דערשינען אין שפּאַניע...

✶

דאָס בוך פֿון בנימין לובעלסקי פּרעטענדירט נישט אויף קיין אויסשעפּלעכער געשיכטע וועגן אָנטייל פֿון ייִדן אין שפּאַנישן בירגער־קריג. דאָס זענען בלויז „פֿאַרצייכנונגען פֿון אַ ייִדישן פֿרײַוויליקן", ווי דער מחבר שטרײַכט אונטער מיט באַשיידנקייט. עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז דאָס איז גאָר אַ געלונגענער פּרוּוו אַרויסצוהייבן די דראַמע פֿון די אידעאַליסטישע ייִדישע בעלי־חלומות, וועלכע זענען געקומען קיין שפּאַניע קעמפֿן קעגן גרעסטן שונא פֿון ייִדישן פֿאָלק — קעגן נאַציזם און זײַנע פֿאַשיסטישע פֿאַרבינדעטע.

די קבֿרים פֿון די געפֿאַלענע ייִדן און נישט־ייִדן אויף די מיליטערישע בית־עלמינס פֿון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע, זענען דורך די פֿראַנקאָ־אַרמייען געוואָרן אָפּגעמעקט ממש צומאָרגנס נאָך זייער בלוטיקן נצחון. ווידער די לעבן־געבליבענע קעמפֿערס פֿון די פֿאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער, וועלכע זענען אַריבער קיין פֿראַנקרײַך, האָבן דורכגעמאַכט דעם גיהנום פֿון די אינטערנירונג־לאַגערן אין דרום־פֿראַנקרײַך און אין נאָרד־אַפֿריקע. אַ צאָל ייִדן צווישן זיי, איז פֿאַרשיקט געוואָרן אין די נאַצישע טויט־לאַגערן קיין פּוילן, דער עיקר קיין אוישוויץ, פֿון וואַנען בלויז אייניצלנע זענען צוריקגעקומען.

קאָמוניסטישע מיוחסים צווישן די וועטעראַנען פֿון שפּאַנישן בירגער־קריג, זענען פֿון נאָרד־אַפֿריקע אַריבערגעבראַכט געוואָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ווו אַ צאָל איז געוואָרן ליקווידירט פֿאַר כּלומרשטע „אָפּנייגן", אַדער האָבן דורכגעמאַכט יאָרן פֿון פֿאַרשיקונג און דאַן געקעמפֿט אין די רייען פֿון דער נײַער פּוילישער אַרמיי. פֿיל פֿון זיי זענען אין יום־כּיפּור פֿון יאָר 1943 געפֿאַלן אין דער שחיטה־שלאַכט בײַ לענינאָ; אַנדערע האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג קיין כעלם און לובלין, ווו זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט אין אויבן־אָן פֿון נײַעם קאָמוניסטישן רעזשים.

נאָך דעם אָבער ווי די קענטענישן און קודם־כּל דער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט פֿון די ייִדן איז געוואָרן אויסגענוצט, זענען זיי אויפֿן אוקאַז פֿון מאָסקווע געוואָרן באַזײַטיקט און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער, ייִדישער יציאת פּוילן.

דער מחבר פֿון דעם בוך, בנימין לובעלסקי, האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסן טייל פֿון דעם דאָזיקן ליידנס־וועג. ער האָט אָבער אויסגעמיטן סאָוועטישע פֿאַרשיקונג און נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון נאָרד־אַפֿריקע, אין 1945, איז ער אַוועק קיין פֿראַנקרײַך און אין 1949 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן, ווו ער האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין גענעראַל־שטאַב פֿון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי און אַוואַנסירט צו אַ הויכן מיליטערישן ראַנג. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט אין אָפֿיציעלן אָרגאַן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי „טריבונאַ לודו" און אין די יאָרן 1956־1960 איז ער געווען דער פּאָליטישער און יורידישער יועץ פֿון דער פּוילישער דעלעגאַציע בײַ דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע אין וויעטנאַם, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאָרשטייער פֿון פּוילן, קאַנאַדע און אינדיע.

מיט זײַן שאַרפֿן פּאָליטישן חוש, האָט לובעלסקי פֿרי אויפֿגעכאַפּט די סימפּטאָמען פֿון דער אָנקומענדיקער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין דעגענערירטן גאָמולקאַ־רעזשים. אין 1965 איז לובעלסקי צוזאַמען מיט זײַן משפּחה אַוועק קיין ישׂראל, ווו ער איז אינגיכן געוואָרן דער לייטער פֿון דער רוסישער און מזרח־אייראָפּעישער אָפּטיילונג אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פֿון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין 1976 האָט דער אוניווערסיטעט אים דעלעגירט קיין אַמעריקע צו העלפֿן אָרגאַניזירן די מזרח־אייראָפּעישע אָפּטיילונג אין דער ביבליאָטעק פֿון האַרוואַרד־אוניווערסיטעט. ער האָט אויך אַ צײַט פֿאַרבראַכט אין אַמעריקאַנער ביבליאָגראַפֿישן אינסטיטוט אין סאַנטאַ־באַרבאַראַ, קאַליפֿאָרניע.

קורץ נאָך זײַן באַזעצן זיך אין ישׂראל, האָט די לובעלסקי־משפּחה געליטן אַ שווערן פֿאַרלוסט. בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אין די שלאַכטן מיט די סיריער אויפֿן גולן, איז געפֿאַלן לובעלסקיס זון, סטעפֿאַן, וועמען דאָס בוך וועגן שפּאַניע איז געווידמעט.

צו די רירנדיקסטע קאַפּיטלען אין דעם בוך געהערן די שאַרף־געצייכנטע פּראָפֿילן פֿון ייִדישע פֿרײַוויליקע, מיט וועלכע לובעלסקי איז פֿון בעלגיע — ווו ער האָט שטודירט — געקומען קיין שפּאַניע, כּדי זיך אָנצושליסן אין דעם קאַמף פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער באַדראָטער רעפּובליק. צווישן די דאָזיקע פֿרײַוויליקע האָבן זיך געפֿונען אייניקע פֿון זײַנע שול־חבֿרים פֿון לובלין, וועלכע זענען כּמעט אַלע געפֿאַלן אויף די פֿראָנטן.

דער ערשטער איז געפֿאַלן גדליה שאַפּיראָ, אַ זון פֿון אַ באַוווסטער גבֿירישער משפּחה אין לובלין. ער איז געפֿאַלן בײַ מאַדריד, אין קאַסאַדעל קאַמפּאָ: „גדליה איז געגאַנגען אין שלאַכט יונג, אָן מורא, מיט אַ שמייכל פֿון אַ קונדס און אַזוי איז ער אויך אומגעקומען".

דער לעצטער פֿרײַוויליקער, וואָס איז געפֿאַלן אויף דער שפּאַנישער ערד, איז געווען לובעלסקיס שול־חבֿר, יחזקאל האָניגשטיין. ס'איז געווען דעם ערשטן סעפּטעמבער 1938, אין טאָג, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס זענען געוואָרן אויפֿגעלייזט און די פֿרײַוויליקע זענען אַוועק אין גלות פֿראַנקרײַך.

די לוויה פֿון יחזקאל האָניגשטיין אין באַרצעלאָנאַ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער גרעסטער מאַניפֿעסטאַציע, וואָס די דאָזיקע שטאָט האָט ווען עס איז געזען. די צוויי פּראָמינענטסטע שפּאַנישע פּאָעטן, ראַפֿאַעל אַלבערטי און כאָזע פּערעראַר פּעטערע, האָבן געווידמעט לידער דעם געפֿאַלענעם ייִדישן העלד, וואָס זענען דערשינען אין דער גאַנצער פּרעסע, צוזאַמען מיט זײַן בילד.

אין די דראַמאַטישע שילדערונגען פֿון מענטשן און געשעענישן בעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, קומט צום אויסדרוק די הויכע ליטעראַרישע קולטור פֿון דעם מחבר און אַפֿילו סימנים פֿון אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז זײַן עקאָנאָמיע פֿון וואָרט. נישט איינמאָל פֿאַרגאַלאָפּירט זיך אָבער לובעלסקי מיט איבעררעפֿינירטע ליטעראַרישע עפֿעקטן, וואָס זאָגן עדות וועגן זײַן פֿאַמיליאַרקייט מיט דער פֿראַנצויזישער אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור, אָבער זענען אומנאַטירלעך אין ייִדיש.

אין איצטיקן קריטישן מצבֿ פֿון ייִדישן פֿאַרלאַג־וועזן, האָט לובעלסקי זיך אַנטפּלעקט ווי אַ נײַער ייִדישער שרײַבער, וועלכער

האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר דער מערכה פון די יידישע פּענמענטשן, וועלכע מוזן זיך שווער ראַנגלען, ביז וואַנען זייערע ווערק דערזעען די ליכטיקע שיין.

דאָס בוך, דערשינען אין ה. לייוויק־פאַרלאַג ביים פאַריין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל, איז פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג צוליב דעם שרייבערישן טאַלאַנט פון מהבר, וועלכער האָט אויף אַזאַ בילדלעכן אופן אַרויסגעבראַכט די העלדישקייטן פון די יידישע בחורים פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילן. נישט וויסנדיק פונוואַנען, האָבן זיי אַרויסגעוויזן איבעראַשנדע, מיליטעריש־סטראַטעגישע פעיקייטן און תמיד זיך געריסן אויף דער ערשטער פייער־ליניע.

און ענדלעך איז פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג, וואָס לובעלסקי, פאַר וועמען עס וואָלט אייגנטלעך, לויט זיין בילדונג, געווען נאַטירלעך צו שרייבן פויליש, אָדער העברעיש, האָט זיינע זכרונות מחבר־געווען אין אַ קרעפטיקן יידיש. דאָס האָבן, אפנים, אין אים זיך אָפּגערופן די יידיש־וואָרצלען פון זיין היימשטאָט לובלין, ווו רבי יעקב מיאַנאָוו, פון שכנותדיקן שטעטל יאַנאָווע, האָט מחבר געווען די צאינה וראינה און ווו ס'איז אויפגעגאַנגען דער פּאָעטישער שטערן פון יעקב גלאַטשטיין, דער ווירטואָז פון יידישן וואָרט.

## „מעריב" על ספרו של בנימין לובלסקי

האם ידוע כי שמונת אלפים מתוך 40 אלף המתנדבים למאבק נגד הפאשיזם במלחמת האזרחים בספרד היו יהודים? ומי זוכר כי 300 מהם הגיעו מפלשתינה־א"י, כולם יהודים להוציא שני ערבים? את זכרם של יהודים אלה שלחמו באומץ בצד מתנדבים מכל רחבי־העולם ואשר חלק מהם עדיין חי בארץ, כמותו, מבקש בנימין לובלסקי לשמר. והוא עשה זאת בספר, שלמרבה הפליאה יצא דווקא באידיש...

לא שהוא לא היה מסוגל לכתבו בעברית או אף בשפה אחרת. לובלסקי שולט ב־10 שפות — כשרון שניצל בתפקידים השונים והמגוונים שמילא במהלך חייו המרתקים.

כיליד פולין שיצא לחפש עבודה בבלגיה, מצא שם את דרכו אל המפלגה הקומוניסטית, יחד עם עוד צעירים בני גילו, לא מעטים מהם יהודים, שהאמינו בדרך החדשה לגאולת העולם. היענותו לקריאה לצאת לספרד ב־1936 ולהצטרף לכוחות הנלחמים בפאשיזם היתה טבעית ונלהבת כמו גם המשך פעילותו במפלגה ובצבא בצרפת ובאפריקה ועם שובו ב־49 למולדתו — גם בפולין.

„גויסתי ב־49' כקומוניסט ושוחררתי ב־52' כיהודי", אומר לובלסקי. למזלו לא נזרק לכלא אלא נתאפשר לו לחזור לעיסוקו האזרחי, כעתונאי וכשדרן רדיו, ללא סיכוי לעליה בדרגה בגלל ה„כתם" שבביוגרפיה שלו — היותו יהודי.

הפרק הבא שלו כולל 4 שנים בווייטנאם, כנציג הממשלה הפולנית בוועידת־הפיקוח הבינלאומית. בדרכו חזרה, ב־1960, עשה חניה קצרה בישראל, בידיעה ברורה שזה המקום היחיד שבו הוא רוצה לחיות. 5 שנים חלפו לפני שהצליח לקבל היתר יציאה לו, לאשתו ולשני בניו, אשר אחד מהם נפל בגולן.

מאז 1965 הוא חי בארץ, בירושלים, שבה מצא תעסוקה הולמת בהקמת ספריה על יהדות בריה"מ ומזרח־אירופה באוניברסיטה העברית. לפני כשלוש שנים פרש לגימלאות והתפנה לכתיבה. „יש בחיי פרשיות רבות הראויות לדפוס", אומר לובלסקי. אבל החלטתו נפלה דווקא על מלחמת האזרחים בספרד, מתוך תחושה שחייבים לזכור ולהזכיר לוחמים יהודים בכל התקופות, עם דגש מיוחד לימי טרום המדינה, ליהודים של גולה שלא רק שלא הלכו כצאן לטבח, אלא חירפו נפשם להגן על אחרים.

הספר יצא באידיש משום שהוצאת הספריו של איגוד סופרי האידיש הצליחה לגייס את התקציב להוצאתו. זה טוב, אבל טוב יותר יהיה כאשר תימצא הדרך גם אל הקורא העברי.

## בעלאַ שאַפּיראָ — די פּאָפּולערע פרויען־געשטאַלט

### אפרים איינשטיין

אַ באַשיידענע אויסגאַבע, אָבער אינטערעסאַנט אין אינהאַלט און גוטע כוונות, האָט אונדז באַשאָנקן משה זאַלצמאַן וועגן אונדזער בת־עיר בעלא שאַפּיראָ. אינטערעסאַנט, אַז דער מחבר איז נישט קיין לובלינער און האָט אויך בעלא'ן נישט געקענט פּערזענלעך, דערצו נאָך געווען אַ פּאָליטישער קעגנער פון „בונד", בעלא'ס פּאַרטיי, וועמענס אידעאַלן זי האָט ווירדיק רעפּרעזענטירט. דאָס האָט, נאַטירלעך, גערייצט מיין נייגעריקייט און כ'האָב זיך אַליין געפרעגט: ווער ביסטו, משה זאַלצמאַן, וואָס נעמט זיך שפּאַנען אויף פרעמדע שליאַכן? כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף פון דעם מענטש, האָב איך איבערגעלייענט זיין בוך (און העברעישער איבערזעצונג) „און מ'האָט מיך רעהאַביליטירט" און ערשט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס אים האָט געלאָקט די פּערזענלעכקייט בעלאַ שאַפּיראָ, איר איבערגעגעבנקייט פאַר דעם אַרבעטער און פאָלקס־מענטש און טראַגישער אומקום.

משה זאַלצמאַן האָט געגלויבט אין קאָמוניזם, ווי אַ פרומער ייד גלויבט אין גאָט. אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן פראַנקרייך, אָן בירגערשאַפט און אַרבעטרעכט, האָט ער אין דעם באַשלוס פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי אים צושיקן אין ראַטן־פאַרבאַנד — געזען איינעם פון זיינע גליקלעכע טעג. נאָך פאַרן אַריבערגיין די גרענעץ, וואָרנט אים איינער וואָס איז געקומען פון דאָרט: „רעב ייד, האָט רחמנות אויף זיך, ראַטעוועט אייך, פאָרט צוריק, דאָרט איז אַ הונגער און דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט קלענער ווי אין פוילן". נאָר פאַר משה זאַלצמאַנס אויער זענען אַזעלכע רייד געווען קאָנטר־רעוואָלוציע און בלבולים.

עס דויערט נישט לאַנג און ער איבערצייגט זיך, אַז יענעמס וואָרענונג איז געווען אַ ריכטיקע. נאָר כל־זמן ר'איז געווען אויף דער פריי, האָט ער אין דעם געזען אומפאַרמיידלעכע „געבורט־ווייען" פון יעדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָט־אָט וועט אויפשיינען די זון — און זי האָט „אויפגעשיינט" אין די דרייסיקער יאָרן, בעת דער „רייניקונג" און ליקווידאַציע פון אַלע „שונאים" — די אַלטע קאָמוניסטישע גוואַרדיע נאָך פון לענינס צייט. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע קרבנות זענען געווען די אויסלענדער, וואָס זענען כלומרשט געקומען העלפן בויען דעם סאָציאַליזם, אָבער פאַקטיש זענען זיי געשיקט געוואָרן אַלס שפּיאָנען פון דער אַלוועלטלעכער קאָנטר־רעוואָלוציע. דער גורל מיידט נישט אויס זאַלצמאַנען. זייער שנעל באַקענט ער זיך מיט דעם אויספאָרשונג־ און פייניקונג־סיסטעם פון דער נ.ק.וו.ד.

אין יאָר 1947 ווערט ער באַפרייט, אָנהייב 1956 — רעהאַביליטירט און צום סוף פון זעלבן יאָר קומט ער צוריק קיין פוילן און דערפילט אויף דער אייגענער הויט די באַציאונג צו די רעפּאַטריאַנטן, יידישע קאָמוניסטן. אין דעם מצב פאַרלאָזט משה זאַלצמאַן פוילן און קומט קיין פּאַריז.

זאַמאָשטש, די געבוירן־שטאָט פון מחבר, האָט אין פאַרמלחמהדיקן פוילן געהערט צו דער לובלינער וואָיעוואָדזטווע. זאַלצמאַן האָט געהאַט פריינד צווישן די לובלינער און מיט דער צייט געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער

לאַנדסמאַנשאַפט. נאַטירלעך, אַז ער האָט געשטרעבט צו וויסן וואָס מערער פון דער אונטערגעגאַנגענער קהילה און זיך אָנגעטראָפן אין פאַרשידענע אויסגאַבן. אויף דעם נאָמען בעלא שאפּיראַ, וואָס אַלע האָבן זי דערמאָנט מיט כבוד און ליבע.

איך האָב זי אָפט געזען, ווען זי פלעגט אויף דער לובאַרטאָווסקע־גאַס גיין צו איר אַרבעט. אַ פּולינקע, מיט אַ סך ווייבערישן חן און מוטערלעכן אויסזען, האָט זי געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז דאָך „אונדזער בעלאַ" — פלעגן איר אַ סך נאָכקוקן. זי איז באמת געווען „אונדזער בעלאַ", איינע פון די דריי: בעלא דאָבזשיסקי, פון די אָנפירנדיקע קרייזן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן; בעלא מאַנדעלסבערג, פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע, גימנאַזיע־לערערין, טעטיק ביי די לינקע פּועלי ציון און בעלא שאַפּירא — די פּאָפּולערסטע, ווייל דער שטח פון איר אַקטיוויטעט איז געווען אַ פיל גרעסערער און טיפער: פירערין פון „בונד", די גרעסטע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס אין לובלין. געשטאַנען בראש פון דעם יידישן שול־וועזן אין לובלין. איר היים איז געווען אָפן פאַר די אַלע וואָס האָבן געליטן פון אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס. זי האָט אָנטייל גענומען אין אַלע פּאָליטישע קאַמפן און אָפּגעשלאָגן די אַנטיסעמיטישע העצע פון דער טריבונע פון לובלינער שטאָטראַט. כלפּי יידישע פּאָליטישע קעגנערס איז זי נישט געווען דעמאַגאָגיש און אַגרעסיוו, נאָר געענטפערט זאַכלעך.

איך דערמאָן זיך, אַז אויף אַ בונדישן מאַסן־מיטינג, האָט זי געענטפערט אויף אַ צווישנרוף פון אַ ציוניסט: „מיר האָבן נישט דאַקעגן, אויב יידן ווילן עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע אָדער אַמעריקע. אָבער וויפל טויזנטער עס זאָלן נישט עמיגרירן, וועלן אין פּוילן שטענדיק זיין 3 מיליאָן יידן — און פאַר די 3 מיליאָן, דאַרפן מיר דאָ בלייבן און האָבן אַ שטאַרקע בונדישע פּאַרטיי". ווען נישט די שואה, וואָלט איר אָפּשאַצונג געווען אַ ריכטיקע...

משה זאַלצמאַן האָט געטאָן אַ גוטע אַרבעט. ווי אַ מוראשקע, האָט ער פון פאַרשידענע קוועלן, ווי אויך פון שמועסן מיט חברים, וועלכע האָבן בעלאַן פּערזענלעך געקענט, צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן איר, און האָט אונדז דערלאַנגט, אין אַ קאָמפּאַקטער פאָרם און שרייבערישן טאַלאַנט, אַ שילדערונג פון אַ פילפאַרביקער פּערזענלעכקייט. זאַלצמאַנס ביכל איז נישט קיין אויסשעפּנדיקע מאָנאָגראַפיע. אין זיין נאָכוואָרט שרייבט ער מיט באַשיידנקייט, אַז זיין אַרבעט וועט אָנרעגן אַנדערע, מער באַגאַבטע און מיט גרעסערע מעגלעכקייטן, צו שרייבן די געשיכטע פון די פּוילישע יידן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

דעם מחבר קומט אַ יישר־כוח פאַר זיין צושטייער און צוגרייטן אַ באַזע פאַר דעם קומענדיקן היסטאָריקער וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון „בונד", ווו ס'וועט מער פּרטימדיק און פילפאַרביק זיך אַרויסלויכטן די געשטאַלט פון בעלא שאַפּיראָ.

## אַ קליינע מאָנאָגראַפיע וועגן אַ גרויסער געשטאַלט

**אין פּאַריז איז דערשינען דאָס בוך פון משה זאַלצמאַן — בעלאַ שאַפּיראָ, די פּאָפּולערע פּרויען־געשטאַלט.**

**אַ קליינע מאָנאָגראַפיע וועגן אַ גרויסער געשטאַלט: בעלאַ שאַפּיראָ, וועלכע איז מערדערלעך פאַרפייניקט געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ־לייט אין די יאָרן פון חורבן און ווידערשטאַנד, איז געווען איינע פון די איבערגעגעבנסטע אָנפירנדיקע טוערס פון „בונד" אין לובלין, — און דער מחבר פון דער בראַשור באַשרייבט איר לעבן און אירע מעשים מיט ליבשאַפט און באַוווּנדערונג. משה זאַלצמאַן האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע אַרבעט אויפן סמך פון אומדערמידלעכער פאָרשונג, פון פאַרהערן עדות, אויפזאַמלען דאָקומענטן אאַז"וו.**

**די ביאָגראַפיע פון בעלאַ שאַפּיראָ איז אויך אַ שטיק ברויזנדיקע געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון אירע קולטור־פאַרמעסטן אין לובלין פון פאַרן חורבן. די בראָשור אַנטהאַלט אויך קורצע ביאָגראַפישע אינפאָרמאַציעס וועגן יחיאל ניימאַן, בעריש קרעמפּעל, ד"ר שלמה הערשנהאָרן אאַנ"ד. אַרויסגעגעבן עסטעטיש, אויף פיין, גלאַנציק פּאַפּיר, מיט פאָטאָגראַפיעס און בילד פון בעלאַ שאַפּיראָ אויפן שער־בלאַט.**

**71 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער. גראַווירן פון רפאל כוואָלעס, פון אַלבאָם „דאָס יידישע לובלין. פּאַריז 1983.**

**(י. לודען, „לעבנספראַגן" תל־אביב)**

## אַ וואָרט פון ד"ר נח גריס

**אין אַ בריוו צום מחבר, שרייבט דער באַוווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער און שרייבער, נ ח ג ר י ס פון פּאַריז וועגן בוך „בעלאַ שאַפּיראָ":**

**ליבער פריינד זאַלצמאַן,**

**מיט אינטערעס האָב איך איבערגעלייענט אייער פּיעטעטפולע אַרבעט צום אָנדענק פון בעלאַ שאַפּיראָ. די זייטלעך זענען געשריבן מיט האַרץ און מוזן באַאיינדרוקן יעדן איינעם וואָס נעמט זיי לייענען.**

**אויך דער אויסערלעכער אויסזען איז אַ פּראַקטיקער, דער דרוקער פאַרדינט אַ לויב.**

**מיך האָט אינטערעסירט ד"ר הערשנהאָרן, וועמען כ'האָב גוט געקענט אין לובלין, שפּעטער אין וואַרשע, ווען ער איז צוריקגעקומען פון ר"פ, האָט ער חתונה געהאַט מיט מיינס אַ קאָלעגן, די לערערין לאָלא ספּיוואַק, מיט איר איז ער אויך אַוועק פון פּוילן.**

**אַ טעות איז אויף זייט 60: דער פרויען־לאַגער איז נישט געווען ראַוועסברוק, נאָר ראַוועסבריק.**

**דאָס אויבן געזאָגטע פאַרמינערט נישט דעם ווערט פון אייער בראָשור.**

**איך באַוווּנדער אייער איניציאַטיוו און התמדה אין אַרויסהייבן מענטשן, וועלכע האָבן פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט און גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר אַן אידעע.**

**אויך איר געהערט צו די דאָזיקע מענטשן.**

**איך דאַנק אייך און דריק אייך די האַנט —**

**נח גריס**

פּאַריז, 18.12.83

teatrnn.pl

## מאת רבקה לרמן־גולדברג

ערך והביא לדפוס ד"ר י. ח. בילצקי. הוצאת ספרים ע"ש ה. לייוויק ע"י אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל. 240 עמ.

לפני 5 חודשים הופיע בתל־אביב ספרה של בת־עירנו, רבקה לרמן־גולדברג, המספר קורות־חייה ושל משפחתה בעיירה קוריב ובלובלין, ובמיוחד — בשנות השואה: בגיטו לובלין, במחנות, ביערות עם פרטיזנים.

להלן אנו מפרסמים קטע מן הספר (עמ' 170—171), המתאר את דמותה האצילה של עסקנית ציונית ידועה בעירנו, הגברת בלהה דובז'ינסקה ע"ה:

...במאידאן טאטארסקי זכורים לי כמה שילוחים קטנים.

✶

אני רואה חובה לעצמי לרשום בספרי שם של אשה אצילת נפש בשם דובז'ינסקה. היא היתה האפוטרופסית של כל אדם נצרך. כל אדם שהיה זקוק לעזרה מיידית, מצא את הכתובת: הגב' דובז'ינסקה. היא אספה ילדים עזובים, יתומים. הגישה סעד. הקימה מטבח, שבו גם אני עזרתי בעבודה. בכל מקום שאדם היה זקוק לעזרה, היא הופיעה, היא עם אביה קופל קניגסברג. היא הושיטה יד. כדי לעזור, היתה חייבת להסתדר עם המלשין. תמיד מצאה דרכים בתבונה, בתושיה, בהעזה.

התיידדנו. הפכה להיות ידידת נפש שלי. קולה מלווה אותי. לאור פניה המעודדות התחממו מאות אנשים. פנים שוחקות גם בימי מצוקה איומים. כולם התפעלו מחכמתה. לא פעם אמרתי לעצמי: אם נשים כאלה קיימות, הרע בעולם לא ינצח. **זה דיוקן המודות, שאין** משלו. כל זמן שדמות כדמותה של גב' דובז'ינסקה חיה, יש עוד קיום לעולם וכדאי להילחם למען אורות. הרי מרק המטבח שלה הציל אנשים מחרפת רעב. לא רק מרעב הצילה, אלא גם מבדידות איומה שתקפה את האדם בימים ההם. היא יצרה פינה חמה. אם ביקש אדם לבכות, הוא מצא את גב' בלה דובז'ינסקה.

חובה היא להזכיר את האשה המופלאה הזו ויהיו הדברים לציון על קברה אשר לא נודע. לחם חוקה היה הושטת יד עזרה.

**ה ע ר ה:** לצערנו, שובש השם בספר. לכן אנו מבקשים את אלה שהספר הנ"ל ברשותם, להתקשר עם ד"ר בן־טובים, טלפון (03) 734551 — והשגיאה תתוקן.

---

**ערגה (שור) ליבפלד**
עורכת דין
אבן יהודה, הפלמ"ח 12
מיקוד 40500 טלפון: 053-97147
תאריך, 18.12.83

**לכבוד מר שטוקפיש דוד,**
**ארגון יוצאי לובלין —**
**שדרות הצנחנים 14, רמת־גן.**
**א. נ.,**

**הנדון: הנריק גורסקי (הימלברג) ז"ל**

**בתוקף תפקידי כמנהלת עזבונו של המנוח הנרי גורסקי ז"ל, ועל פי הוראות בית המשפט המחוזי בת"א, הנני מתכבדת לבקשכם, לבדוק ולהודיעני באם ניתן בדרך כלשהי לאתר את קרובי משפחתו של המנוח, הנריק גורסקי ז"ל.**

**על פי הידוע לי —**

**הנריק גורסקי ז"ל נולד בלובלין לאביו ליפא הימלברג בשנת 1915. הוא סיים בשנת 1927 בי"ס יסודי בלובלין וב־1933 בי"ס תיכון בלודז'.**

**המנוח ז"ל התגייס לצבא הפולני בתקופת מלחמת העולם השניה, שרת בדרגת סרן ושינה את שמו ל„גורסקי" לפי דרישת הממונים אליו בצבא הפולני.**

**המנוח ז"ל עלה לישראל בשנת 1957, תעודת עולה 103046 והתגורר ברמת־גן עד לפטירתו באוגוסט 1978.**

**אודה מאד עבור אינפומציה בנדון מכל מין וסוג שהוא.**

# ווו איז אווועקגעקומען דער פּאַרקן אויפן בית־עולם אין לובלין?

פריינד קאָפּל מיזשעריצקי פון אַרגענטינע באַשרייבט אין „קול לובלין" זיין באַזוך אין לובלין אין יאָר 1982. מיט שטוינונג האָב איך געלייענט וועגן זיין באַזוך אויפן בית־עולם אויף אוניצקע, וועלכער איז אָפן, אָן אַ פאַרצוימונג.

אין יאָר 1948—1949, האָט דער קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין לובלין אויפגעשטעלט אַ פּאַרקן אַרום דעם גאַנצן שטח פון בית־הקברות — פון 1,100 מעטער. ווען די אַרבעט איז פאַרטיק געוואָרן, האָב איך, ווי דער פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, קאָנטראָלירט די אויסגעענדיקטע פאַרצאַמונג, פאַרשלאָסן דעם טויער און איבערגעגעבן דעם שליסל דעם אַנגאַזשירטן שומר.

איך האָב פאַרלאָזט לובלין אָנהייב 1950. דעמאָלט איז דער פּאַרקן נאָך געווען. דאָס זעלבע באַשטעטיקן די לובלינער, וואָס האָבן פאַרלאָזט לובלין נאָך שפּעטער. וואָלט געווען אַ יושר צו פרעגן דעם הער מאַריאַן אַדלער, וואָס איז איצט דער אָנפירער פונעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לובלין: וואָס איז געוואָרן מיטן פאַרקן, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט 37 יאָר צוריק?

און אַ פראַגע צום פריינד מיזשעריצקי: צי ביים צוזאַמענטרעף מיט די יידישע אַקטיוויסטן, האָט ער זיך באַגנוגנט בלויז מיט דער התלהבות, וואָס ער האָט „אָפּגעציילט דריי צענדליק", אָדער אויך אַרומגערעדט מיטן הער אַדלער די פראַגע פון דעם אָפענעם בית־עולם?

יצחק רייכענשטיין, גבעתיים

✶

פאַר אונדזערע לייענער אין אויסלאַנד קלערן מיר אויף דעם אינהאַלט פון דעם בריוו:

די אַדוואָקאַטין ערגאַ ליבפעלד, וואָס דאַרף אַדורכפירן די צוואה פון הענריק גורסקי ז"ל, וויל וויסן פרטים וועגן ה ע נ ר י ק ג ו ר ס ק י, געבוירן אין לובלין אין 1915. נאָמען פון פאָטער: ליפע ה י מ ע ל פ א ר ב. געענדיקט אין 1927 אַ פאָלקס־שול אין לובלין און אין 1933 — אַ גימנאַזיע אין לאָדזש. מאָביליזירט זיך אין דער פוילישער אַרמיי מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דערגאַנגען צום ראַנג פון קאַפּיטאַן און געמוזט טוישן דעם נאָמען אויף גורסקי. עולה געווען קיין ישראל אין 1957, געוווינט אין רמת־גן ביז דער פטירה, אין אויגוסט 1978.



# גרויסע בינע־דערפאלגן פון צפורה שפייזמאן

די גוט־באַקאַנטע שוישפּילערין פון דער ניו־יאָרקער „פאָלקס־בינע", אונדזער בת־עיר צפורה שפּייזמאַן, האָט אין חודש יולי ה. י. באַזוכט ישראל און געוואָרן אויפגענומען דורך דעם קאָמי־טעט פון ארגון יוצאי לובלין (מיר שרייבן וועגן דעם אויף אַ צווייט אָרט), אויפגעטרעטן אין יידישן ראַדיאָ, צוזאַמען מיטן רעזשיסער און „הבימה"־אַרטיסט ישראל בעקער און אויך געגעבן אַן אינ־טערוויו פאַרן מיטאַרבעטער פון דער היגער טאָג־צייטונג „לעצטע נייעס", וועלכן מיר ברענגען פאַר אונדזערע לייענערס.

נאָך איידער צפורה איז געקומען קיין ישראל, זענען צו אונדז דערגאַנגען יידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק, אין וועלכע מ'לויבט שטאַרק דעם הויך־קינסטלערישן שפּיל און קולטורעלע אויפטריטן פון אונדזער אַקטריסע. יוסף גליקסאָן אין „פאָרווערטס", מרדכי ב. גראַניט אין „אַלגעמיינער זשורנאַל" און מאַרטין בירנבוים אין „מאָרגן־פרייהייט", שרייבנדיק וועגן שלום עליכמ'ס פּיעסע „שווער צו זיין אַ ייד", רעזשיסירט פון ישראל בעקער, לויבן שטאַרק אונדזער לובלינער טאָכטער.

אינעם אינטערוויו מיט שמעון ק. אין „לעצטע נייעס" — „יידישע פאָלקס־בינע" אין ניו־יאָרק גרייט זיך צו איר 70־יאָריקן יובל" — לייענען מיר צווי אַנד.:

צפורה שפּייזמאַן האָט נאָך אַלס שילערין אין דער גימנאַזיע אין לובלין, אַרויסגעוויזן שוישפּילערישן טאַלאַנט און האָט מיט אירס אַן אויפטריט באַוויזן צו באַגייסטערן דעם גרויסן טעאַטער־מייסטער יאָנאַס טורקאָוו. ער האָט זי גענומען צי זיך צו שפּילן די ראָל פון שלמהלע אין „מירעלע עפרת", וואָס ער האָט דעמאָלט געשטעלט אין פּוילישן טעאַטער. פון אים האָט זי אַ סך געלערנט ווי אַזוי צו באַהערשן אַ ראָל און די טעאַטער־קונסט בכלל. אין די מלחמה־יאָרן, וועלכע זי האָט דורכגעמאַכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט זי געשפּילט אין אַ יידישער טעאַטער־טרופּע און ווען זי איז מיטן רעפּאַטריאַציע־שטראָם צוריק געקומען קיין פּוילן, האָט זי שוין ווי אַ רייפע שוישפּילערין אנטייל גענומען אין יידישן טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון אידאַ קאַמינסקאַ, ביז איר אַרויספאָרן קיין פּאַריז, ווו זי האָט ווייטער געשפּילט אַ געוויסע צייט אין יידישן טעאַטער.

הגם זי האָט נישט געהאַט די אַמביציע „איינצונעמען וועלטן", האָט אָבער איר שפּילן אימפּאָנירט מיט איר באַזונדערן טעם און פיינעם אַריינלעבן זיך אין יעדער ראָל. אין אַמעריקע איז זי זינט דעם יאָר 1955 אין דער פאָלקס־בינע, שפּילט אין כמעט אַלע פאָרשטעלונגען. היינט איז זי אויך אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פאָלקס־בינע און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין צוגרייטן דאָס פייערן דעם יובל פון דער פאָלקס־בינע, דאָס איינציקע יידישע טעאַטער אין דער וועלט, וואָס עקזיסטירט שוין 70 יאָר און האָט במשך דער לאַנגער צייט אָנגעזאַמלט אַ רייכן באַגאַזש פון פאַר־מעסטן און דעגרייכונגען. דערפאַר איז פאַר אונדז אַזוי אינטערע־סאַנט צו שמועסן מיט איר איצט בעת איר באַזוך אין ישראל, ווו זי ברענגט אַ לעבעדיקן גרוס פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

די פאָלקס־בינע איז פאַר צפורה שפּייזמאַן איר צווייטע היים און אַ שטענדיקע שול צו אַנטוויקלען טאַלאַנטן. לעצטנס קומען כסדר צו יונגע שוישפּילער. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס קומען מיט אַ געוויסן סטאַזש פון ענגלישן טעאַטער און מיט קינסטלערישע אַמביציעס. דער סטימול, וואָס ברענגט זיי צו דער פאָלקס־בינע איז התעוררות צו יידישע וואָרצלען די פאָלקסבינע רעדט צו זיי מיט איר נאַציאָנאַלער פאָרם און מענטשלעכן אינהאַלט, אָבער זיי נייטיקן זיך אין שלייפן דאָס יידישע לשון. צפורה העלפט זיי אין דער דאָזיקער ריכטונג, אָבער זי אַליין וויל בעסער רעדן וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן מהות פון דער יידישער פאָלקס־בינע, וועמענס גרינדער, אנטיילנעמער און באַזוכער האַלטן זיך פון אָנהייב אָן ביי דער מיינונג, אַז טעאַטער דאַרף דערציען, אויסברייטערן האָריזאָנטן און געבן עכט־קינסטלערישן געניוס.

צפורה שפּייזמאַן איז אויך אַ דיפּלאָמירטע קראַנקן־שוועסטער און דאָס גיט צו וואַרעמקייט איר קול ביים דערציילן, אָן הויכע ווערטער, וועגן איר אַרבעט אין דער פאָלקס־בינע און וועגן די וואָס ברענגען זייער קינסטלערישע און אויך מאַטעריעלע הילף, זוכן און געפינען די וועגן אויסצוטראָגן די הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אויסהאַלטן די יידישע פאָלקס־בינע. דאָס ליגט אויף די אַקסלען פון אַרבעטער־רינג, פון יידישן נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פאַרבאַנד און יידישן קולטור־קאָנגרעס.

אין משך פון די 70 יאָר, האָט די פאָלקס־בינע אויפגעפירט צענדליקער פּיעסן פון יידישע שרייבער און האָט אויסגעשולט צענדליקער אַקטיאָרן, וועלכע האָבן דאָ אָנגעהויבן אַלס ליב־האָבער און געדאַרפט דורכמאַכן עלעמענטאַרע שול־עטיודן, טעאָ־רעטישע באַגרינדונג פון יעדער נייער אויפגאַבע, לערנען די וויכטיקסטע כללים פון דער אַקטיאָרישער שאַפונג. צפורה שפּייזמאַן שטרייכט אונטער, אַז אין דער קינסטלערישער אויספאָרעמונג פון אַ באַדייטנדן טייל אַמאַטאָרן, האָט זיך פעסט באַזעצט די טעאַטראַ־לע קולטור, וואָס עס האָבן פאַרפלאַנצט די רעזשיסערן און לערער, בראש מיטן איבערגעגעבענעם יאָסל מלאָטעק, וועלכער איז די נשמה פון דער פאָלקס־בינע.

די פאָרשטעלונגען פון דער פאָלקס־בינע האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייער פאַרנעם, מיט דער שפע פון מאָטיוון און פאַרבן און איבער אַלעם מיטן ענטוזיאַזם פון די אַנטיילנעמער. מערסטנס זענען די פאָרשטעלונגען אויספאַרקויפט מיט חדשים פריער.

איצט, צום 70־יאָריקן יובל, גרייט די פאָלקס־בינע אַן אויפ־פירונג פון יצחק באַשעוויסעס „אַ שפּיל פאַרן טייוול", אונטער דער רעזשי פון באַקאַנטן הבימה־אַקטיאָר ישראל בעקער, וועל־כער איז אויך אַ דערפאַרענער רעזשיסער און האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע פריערדיקע אויפפירונגען סיי אין ישראל און סיי אין דער פאָלקס־בינע. דאָס וועט זיין איינע פון די גרעסטע פאָרשטעלונגען אינעם רעפּערטואַר פון דער פאָלקס־בינע. זי אָטעמט מיט לעבן, איז פאַרוויילעריש, אָבער גייט צוזאַמען מיט עכט־קינסטלערישן געניוס און רעגט אָן צו דענקען.

---

## איסוף עדויות מפי ניצולי השואה — ביוזמת שרה ארליכמן־בנק

בית־ספר תיכון ע"ש בן־גוריון בעפולה מבצע איסוף עדויות מפי ניצולי השואה, תושבי העיר. יוזמת מפעל חינוכי חשוב זה היא חברתנו שרה ארליכמן־בנק („סויקה"), מחברת הספר „נדודים במחתרת". הרעיון זכה לתמיכתו המלאה של מנהל בית־הספר משה גלבמן. התלמידים העוסקים בגביית העדויות מודרכים על־ידי סויקה והמורים נילי בן־יוסף וראובן בן־שחר. „החוקרים הצעירים" מכיתות י'—י"א משקיעים שעות רבות של עבודה בקריאת חומר עיוני, פגישות עם ניצולי השואה וקיום קשר הדוק עם עובדי בית לוחמי הגי־טאות. בסיומו של המיבצע יוקם בין כותלי בית־הספר „אר־כיון", אשר יהווה מיפעל־הנצחה לתקופת השואה.

## בן שמונים - לגבורות / צפורה דסקל-וויסלפיש

לזליק — אחי יקירי

לגבורות להגיע,
דרושה גבורה,
לחיות — האור,
והאפילה — המתלווה.

כבר ביציאה לעולם
מאפילה — ונתוק מאם
בבכי — הילוד פורץ.
מכאן — שלבים — יעבור,
בהם צל — ורב אור.

רב אור — בשמש
בירוק — שבעץ,
בצבעו של הפרח
בצפור מצייץ.

כי נפלא היקום
על כל מערכותיו,
על סדר בו שולט,
על כל מעלליו.

ושלבי האדם:
חלומות נעורים,
דמיון — שאיפות,
הליכה להגשמה
מלווה — אכזבות.

התמודדות בקשיים,
פגעים — מחלות,
יציאה לעצמאות,
לפרנסה — דאגות.

הקמת משפחה,
רצון בצאצאים,
שמחה וגאווה
וצער — גידול בנים.

מול יפי היקום,
רשע — האדם,
הכרזת מלחמה,
שפיכות — דם.

יש — וקם המן
רצונו — להשמיד עם.
יש — וקמה מפלצת
רצונה — לשעבד עולם.

ואז — מפחידים,
משפילים, מרעיבים,
מגרשים, רוצחים,
ועד לכבשנים — מגיעים.

כל אלה — הכילו חייך,
אחי זליק, היקר,
עם כל אלה התמודדת
וצעוד — לקראת המחר.

אכן, דרושה גבורה
להגיע — לגבורות,
היום כוס נרים
ובליבנו — ברכות.

## צוטיילונג פון דער סטיפּענדיע א.נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ז״ל אין ירושלימער אוניווערסיטעט

אין חודש מאַי ה.י. איז פאָרגעקומען די צוטיילונג פון דער סטיפּענדיע א.נ. פון דער לובלינער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט, דעם סטו־דענט יוסף ליטוואַק פאַר זיין אַרבעט „יידישע פּליטים פון פּוילן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1945—1939)״

אין נאָמען פון אוניווערסיטעט האָט פּראָפ׳ יהונתן פרענקעל געגעבן אַ ברייטערן איבערבליק איבער די אַרבעטן פון דער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדעלסבערג ז״ל, טאַקע וועגן לובלין, וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעצן אָרט אין דער יידישער געשיכטע. אירע אַרבעטן האָט זי געשריבן וועגן דער שטאָט ווו זי איז געבוירן, דערפאַר זענען זיי אַזוי וואָגיק, גרינטלעך און גלייכצייטיק זענען זיי אַ וויכטיקער צושטייער צו דער אַלגעמיינער יידישער געשיכטע.

אין נאָמען פון קאָמיטעט צו פאַר־אייביקן דעם אָנדענק פון דער אומגעקומענער היסטאָריקערין, רעדט אדוו׳ חיים קאָסאָווסקי־שחור. ער זאָגט, אַז דאָס איז שוין די 19טע סטיפּענדיע וואָס ווערט צוגעטיילט צו סטודענטן וואָס לערנען אין די אוניווערסיטעטן אין ירושלים און תל־אביב, און זיי פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן די געשיכטע און אומקום פון פּוילישן יידנטום. צווישן די פאָרשונגען זענען אויך פאַראַן 7 אַרבעטן וועגן לובלינער יידנטום.

אין נאָמען פון דער לובלינער לאַנדס־מאַנשאַפט אין ישראל רעדט מאיר שילד־קרויט. ער דערציילט וועגן זיינע פּער־זענלעכע איבערלעבונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער לעצטער רעדט יוסף ליטוואַק, וועמען ס׳איז צוגעטיילט די סטיפּענדיע. ער גיט אַ ברייטע און גרינט־לעכע אָפּשאַצונג וועגן די יידן־פּליטים פון פּוילן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער אַליין איז געווען צווישן די בערך 300 טויזנט יידישע פּליטים פון פּוילן. זיין אַרבעט איז געשטיצט אויף פאַקטן און ציפערן וועגן יידן אין פּוילן, וועלכע זע־נען פריער געווען אין מערב־אוקראינע און שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אין פאַר־שידענע לאַגערן אין די סיבירער טייגעס און וועלדער. ערשט נאָכן שיקאָרסקי־אָפּמאַך, זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן און די גרעסטע טייל איז עוואַקואירט געוואָרן קיין מיטל־אַזיע. אויף דער טעמע האָט מען ווייניק גע־שריבן.

ווי ס׳האָט איבערגעגעבן אדוו׳ קאָ־סאָווסקי־שחור, זענען פאַראַן 7 אַרבעטן וועגן לובלין. וואָלט געווען אַ יושר, אַז דער קאָמיטעט, צוזאַמען מיט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, זאָלן די אַרבעטן וועגן לובלין אַרויסגעבן אין אַ בוך־פאָרם. דאָס וואָלט געווען אַ צו־שטייער צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער יידישער לובלין.



# שמחות ביי לובלינער



אויפן בילד אויבן: אויף דער חתונה פונעם זון פון סימאַ און משה קאַסמאַן מיט זיין באַשערטער אַניאַ צייגער (אַנטווערפּן), אַן אייניקל פון רוזשע און ירחמיאל וויעזשבאַווסקי (בריסל). אונטן: די בר־מצווה פונעם אייניקל פון פאַני און פישל ראָזענ־ברש. אויפן בילד לינקס: די פאַמיליעס שנור פון לאָס־אַנזשעלעס און ברייטער פון מאָנטרעאַל אויף אַ פרייינטלעכן צוזאַמענטרעף. סעם ברייטער (דער ערטער לינקס, זיצט) האָט היי־יאָר געפייערט זיין 65סטן געבוירנטאָג. יוסף שנור (שטייט אינמיטן) איז אויף אַ גרויסער אויפנאַמע באַגריסט געוואָרן צו זיינע 70 יאָר. די לובלינער אין ישראל באַגריסן האַרציק די צוויי „יונגעלייט" און ווינטשן זיי אַ סך געזונט, נחת און פרייד מיט זייערע משפחות — עד מאה ועשרים.

אַ האַרציקן מזל־טוב דער פאַמיליע לאַנדאַו אין מאָנטרעאַל צו דער חתונה פון זייער אייניקל און דער פאַמיליע פון יאָסקע בוים פון מאָנטרעאַל צום געבורט פון פערטן אייניקל.



# בריוו, באַריכטן, מיינונגען

● מיר ברענגען נאָר אַ קליינעם טייל פון דער רייכער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז צו אונדז געשיקט געוואָרן אין לעצטן יאָר פון לאַנדסלייט אין די תפוצות. מיר וואַרטן אָבער אויף אויספירלעכע באַריכטן פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. דערציילט פון אייער טעטיקייט, אונטערנעמונגען, אזכרה׳ס און קעגנזייטיקער הילף.

● ס׳איז געווונטשן צו באַווירקן דעם צווייטן און דריטן דור, זיי זאָלן אין זייער לאַנד־שפּראַך שרייבן פאַר אונדזער „קול לובלין" וועגן די עלטערן, זיידעס און באָבעס, היים און סביבה.

● דערציילט וועגן שמחה׳ס ביי לובלינער יידן אין דער וועלט און אין ישראל; קיילעכיקע געבורט־דאַטעס; משפּחה־פּייערונגען אדג״ל.

● פאַרגעסט אויך נישט אין די פאַרשטאָרבענע, ווייל אונדזער אויסגאַבע איז דאָס איינציקע אָרט, וווּ דער נפטר ווערט פאַר־אייביקט און זיין נאָמען בלייבט פאַרשריבן לדור דורות.

מען שרייבט אונדז:

**אַננאַ און הערי פּראָכטמאַן, ניו־יאָרק:**

...די מיטגלידער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק טרעפן זיך 4 מאָל אין יאָר. דעם 29סטן אַפּריל האָבן מיר אַ צוזאַמענטרעף ביים לובלינער מאָנומענט. דער יזכור־אַקט איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער, אין יאָרטאָג פון דער לעצטער ליק־ווידאַציע פון מיידאַנעק טאַטאַרסקי. דאַסמאָל איז געקומען אַ גרויסער עולם. די געזאַמלטע געלטער האָט מען געשיקט פאַר די אָרגאַ־ניזאַציעס וואָס נייטיקן זיך אין שטיצע. מיר שיקן אייך 100 דאָלאַר, איך שיק 50 דאָלאַר פאַרן זשורנאַל און 50 דאָלאַר — שטיצע פאַר נויטבאַדערפטיקע.

**אַננאַ און יוסף בראַם, טאָראָנטאָ:**

אויף אַ מיטינג פון די לובלינער אין טאָראָנטאָ, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אונדזער יערלעכע באַשטייערונג פאַר דעם ארגון יוצאי לובלין אין ישראל — 500 דאָלאַר. מיר ווינטשן אייך דעם גרעסטן דערפאָלג אין אייער וויכטיקער אַרבעט — און אויך אַ פריילעכן פּסח.

**יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס:**

אַ דאַנק פאַרן נומער 18 „לובלינער שטימע". ס׳איז אַ פּרעכ־טיקע אויסגאַבע, מיט וועלכער מיר אַלע דאַרפן שטאָלצירן. איך ווינטש דיר, דוד, נאָך אַ סך יאָרן מיט געזונט, זאָלסט ווייטער טאָן די אַרבעט. כ׳וויל אויך דאַנקען משה קאָרן פאַר זיין גרע־סערער באַשטייערונג פאַר דער צייטונג און ביי דער געלעגנהייט אים באַגריסן צום 65סטן געבוירנטאָג.

די זכרונות פון בראַניע עקהאַוס און די איינדרוקן פון קאַפּל מיזשעריצקי פון זיין באַזוך אין לובלין און מיידאַנעק, ברענגט אונדז צוריק צו אונדזער אַלטער היים און אירע טייערע יידן. די דערציילונג וועגן משה וויסמאַן ז״ל, מיין סעקרעטאַר פון נאָדל־פאַריין, איז, ווי די אַנדערע מאַטעריאַלן אין דער צייטונג, אַ מצבה נאָך אונדזערע קדושים.

דעם 13טן נאָוועמבער 1983 האָבן מיר אָדורכגעפירט די יערלעכע אזכרה. נאָך דער רעדע פון ישראל אייזענבערג, האָב איך אָפּגעגעבן אַ באַריכט פונעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל.

דעם לעצטן יאַנואַר בין איך און מיין פרוי געווען אין מיאַמי, וווּ ס׳האָט אונדז זייער האַרציק אויפגענומען שרה און סעם ברייטער — און כ׳וויל דורך אונדזער צייטונג זיי אויסדריקן אַן עפנטלעכן דאַנק און יישר כוח.

**ישראל אייזענבערג, לאָס־אַנזשעלעס:**

אין דער אזכרה, וועלכע מיר האָבן אָדורכגעפירט אין לאָס־אַנזשעלעס, האָט זיך באַטייליקט אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, דער לובלינער ייד מ. זילבערייך. אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער מיר צוגעשיקט זייער אַ וואַרעמען בריוו, אין וועלכן ער שרייבט צו״אַנד:

„איך וויל אייך דאַנקען פאַר געבן מיר די מעגלעכקייט איבערצוגעבן אַ גרוס פון אונדזער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק. סאיז אויך געווען פאַר אונדז אַ גרויס פאַרגעניגן צו זען און הערן ווי אַזוי איר האָט געפירט דעם מיטינג און גערעדט פאַרן עולם — קלוג און האַרציק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זון פון דער אָנגעזעענער פאַמיליע אייזענבערג. פאַר די אַלע פאַרגעניגנס ווילן מיר אייך האַרציק דאַנקען און ווינטשן אייך און אייער ליבע פרוי באַלטשע אַ לאַנג לעבן, מיט אַ סך געזונט און נחת פון אייערע קינדער".

**מ. זילבערזייד, ניו־יאָרק**

**קאַפּל מיזשעריצקי, בוענאָס־איירעס:**

...באַקומען מיט לופט־פּאָסט צוויי קאָפּיעס „קול לובלין" נומער 18 און באַלד גענומען לייענען פון ערשטן ביזן לעצטן זייטל. אַ רייכער מאַטעריאַל, ווי דער גענויער באַריכט פונעם וועלט־צוזאַמענפאָר, זכרונות, בילדער, אַרטיקלען און בריוו. ס׳קומט דיר און די חברים אַ יישר־כוח פאַר דער הייליקער אַרבעט. ווי נאָר איך באַקום נאָך צייטונגען, וועלן מיר זיי צעטיילן צווישן די לובלינער. ליידער, דער עולם אונדזערער ווערט אַלץ וויניקער, אָבער מיר גיבן נישט אויף די לאַנדסמאַנשאַפט־אַרבעט.

### לאַזער גאָלדבוים, סאַן־פּאַולאָ:

אַ האַרציקן דאַנק פאַרן איבערשיקן דעם „קול לובלין" נומ' 18. דעם מאַטעריאַל פון דער צייטונג האָבן מיר זייער גוט אויסגענוצט פאַרן מאָראַלישן דערפאָלג פון דער יערלעכער אזכרה אין אונדזער שטאָט.

איך האָב זיך באַטייליקט אין די פייערונגען אין וואַרשע, צום 40סטן יאָרטאָג פון העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד. איך שיק צו מיינע איינדרוקן פאַר אונדזער אויסגאַבע.

אויף דער איניציאַטיוו פון די לובלינער אין סאַן־פּאַולאָ, איז מיטוואָך דעם 16טן נאָוועמבער 1983, פאָרגעקומען אין זאַל פון פאַרבאַנד פון בעסאַראַבער יידן, די אזכרה צום אָנדענק נאָך די קדושים פון לובלין, מיידאַנעק און אומגעגנט. דער שרייבער פון די שורות האָט דערעפנט די אזכרה, פאָרמירט דעם פּרעזידיום־טיש און אַדורכגעפירט די איינדרוקפולע צערעמאָניע פון אָנצינדן די זעקס ליכט און צענדליקער ליכט לזכר די אומגעבראַכטע ישובים אַרום לובלין. דער חזן שמחה זילבערמאַן האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים און „אל מלא רחמים". דער עולם האָט דערנאָך געזאָגט קדיש בציבור. דער רעדנער־טייל, וואָס איז געווען רייך אין אינהאַלט און אָפּגעשפּיגלט די טראַגעדיע פון יידנטום בעת דער שואה, איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם שרייבער פון די שורות און ה' אהרן פאַרטשעוו פון לובאַרטאָוו, וועלכער איז ניצול געוואָרן פון אומקום. ער האָט אין זיין רעדע דערמאָנט זיין שטעטעלע, ווי דאָס לעבן פון יידן אין פּוילן בכלל. יואל ראַלניק פון אָפּאָלע־לובעלסקי האָט גערעדט און ציטירט פון דעם „ספר אָפּאָלע".

נאָך די רעדעס האָבן רעציטירט די פרויען מינטשע־דינער יאַקובאָוויטש און גינטשע קאַן. דער איינדרוקספולער אַקט, וואָס איז געווען גוט באַזוכט, איז געשלאָסן געוואָרן מיטן פּאַרטיזאַנער־הימן.

### שמואל זילבערשער, מעלבורן:

...איך האָב זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער באַשרייבונג פון קאָפּל מיזשריצקי וועגן זיין באַזוך אין לובלין און מיידאַנעק. קאָפּל שרייבט, אַז ביים אַריינגיין אינעם טויטן־לאַגער, האָט ער און זיין פרוי זיך צעוויינט. אויך איך האָב געלאָזט נישט איין טרער ביים לייענען די רירנדיקע שילדערונג. ווי קאָן מען געפינען טרייסט און באַרויקונג אין מיידאַנעק וווּ ס'זענען אומגעקומען מיינע טייערסטע און נאָענטסטע מענטשן, צוזאַמען מיט די יידן פון לובלין?

געבענטשט און געשטאַרקט זאָלן זיין די הענט, וואָס גיבן אַרויס דעם זשורנאַל, שוין דאָס 18טע יאָר. יישר כוח!

### בראָניע און מישא עקהאוס, מעלבורן:

...מיר קענען נישט פאַרגעסן די וואונדערבאַרע טעג, וועלכע מ'האָט פאַרברענגט צוזאַמען אין ישראל. איר האָט אַוודאי באַמערקט, אַז אין ישראל לעבן מיר אויף מיט נייער ענערגיע און ענטוזיאַזם. פון דעם לאַנד בלייבן אונדז תמיד די בעסטע דערינערונגען.

נאָכן צוריק קומען קיין מעלבורן, האָבן מיר אָרגאַניזירט דעם לובלינער מיטינג פאַרן „יונייטעד איזראַעל אַפּיל", וועלכער איז היי־יאָר פאָרגעקומען ביים ה' ראָטשטיין. מאָטל טרייסטמאַן האָט געוויזן אַ טייל פונעם פילם, וועלכן ער האָט „געדרייט" אין ישראל.

די אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין, האָבן מיר אַדורכגעפירט אויפן בית־הקברות, ביים מאָנומענט, מיטן אָנטייל פון אַ גרעסערער צאָל לאַנדסלייט. דערנאָך האָבן מיר זיך געטראָפן אין אונדזער היים, ווו ס'איז געוויזן געוואָרן דער יזכור־אַקט אין נחלת־יצחק, ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, אין טאָג פון אומקום און גבורה.

מיר לעבן מיט אַלע געשעענישן אין ישראל און ווינטשן אייך שלום, וווילזיין און אַ סך פרייד.

### מאָטל טרייסטמאַן, מעלבורן:

...יעדער בריוו דיינער פאַרשאַפט אונדז אַ סך הנאה און פאַרגעניגן. און ווען איך שטעל אָן דעם ווידעאָ־אַפּאַראַט (כ'טו דאָס זייער אָפט), קומט אונדז צו אַ שטיק געזונט, ווען מיר זעען און דערינערן די פייערונגען לכבוד דעם 35סטן יום העצמאות און דעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף אין ישראל, ווו ס'איז אַזוי אָפט דערמאָנט געוואָרן אונדזער אַלטע היים און אונדזער געגנט — זאַמד, ווו מיר זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן. דו האָסט עס דערמאָנט ביי יעדער געלעגנהייט.

דער פילם פונעם וועלט־צוזאַמענטרעף וועלכן איך האָב אַרויסגעשיקט, דאַרף בלייבן ביי אייך, ווי מיינע אַ מתנה און גרויסער אָנדענק פאַר די לובלינער — 5 שעה פון אַזוי פיל אינטערעסאַנטע אונטערנעמונגען און איבערלעבונגען: אויפן בית הקברות אין נחלת־יצחק; די וועלט־באַראַטונג אין תל־אביב; דער יום־העצמאות־באַל; די אויפנאַמעס ביי לאַנדסלייט. ביי יעדער לובלינער צוזאַמענטרעף דאָ, אין מעלבורן, ווייז איך פראַגמענטן פונעם פילם און דער עולם איז באַגייסטערט.

דו שרייבסט וועגן באַצאָלן פאַר דער קאָפּיע פונעם ווידעאָ־פילם פון צוזאַמענפאָר, וועלכן איך האָב צו אייך געשיקט. חס וחלילה! דאָס איז מיינע אַ מתנה פאַר די לובלינער אין ישראל — און זאָל אייך וווּל באַקומען.

### רוזשקע פישמאַן־שניידמאַן, געטעבאָרג:

...נעכטן דערהאַלטן דעם נומער 18 „קול לובלין". אַ האַרציקן דאַנק!

הגם כ'האָב זייער אַ סך צו לייענען און שרייבן, האָב איך אַלץ געלאָזט שטיין און זיך פאַרנומען מיט אונדזער (ווייל נאָר אַזוי קאָן מען אים באַצייכענען) זשורנאַל. אַדורכגעלייענט פון אָנהייב ביזן סוף און זיך איבערגעטראָגן נאָך אַמאָל צו אונדזער אַמאָל, ווען לובלין איז נאָך געווען איין דריטל — אַ יידישע לובלין. מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט דעם באַריכט פון דעם וועלט־צוזאַמענפאָר אין תל־אביב, די באַריכטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן פון די פאַרשידענע לענדער, די דערינערונגען פון מענטשן און מעשים.

אינטערעסאַנט און רירנד איז פאַר מיר די באַשרייבונג פון זיין רייזע קיין לובלין פון קאָפּל מיזשעריצקי, וואָס האָט מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און געפיל פאַרגעשטעלט זיין וואַנדערונג אויף די לובלינער גאַסן, צוזאַמען מיט זיין פרוי. איך האָב מיט אים מיטגעוואַנדערט און טיף איבערגעלעבט אַלץ וואָס ער באַשרייבט מיט ווייטיק.

כ'האָב דערפילט, גלייך מיט דיר, דוד, „אַ טיאָכקע" אין האַרץ, ווען איך האָב געלייענט און לייען אַ מעלדונג וועגן לובלין, אַז דאָרט טוט זיך נאָך עפּעס. דעריבער האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין און אָפּפילן דעם אויסדרוק פון מרדכי לערמאַן: „אין 1963 האָב איך באַזוכט די שטאָט. זי איז פאַר מיר געווען אַ פרעמדע. לובלין, ווי אַ געאָגראַפישער פונקט, איז פאַר אונדז יידן אויסגעמעקט".

צופעליק געדענק איך מרדכי לערמאַנס באַזוך. ווי כ'האָב געקענט דאָן מערקן, איז אים גאָרנישט געווען אַלץ אַזוי פרעמד.

ר'איז געווען שטאַרק גערירט און איבערגעלעבט נאָך אַמאָל פון דער רייכער געשיכטע און גערן געזען די געבליבענע דאָרט קליינע צאָל יידן. כ'קען נישט מיר פאָרשטעלן, אַז די שטאָט זאָל פאַר אַ לובלינער בלייבן „פרעמד און אויסגעמעקט ווי אַ געאָגראַפישער פונקט פאַר אַלע יידן". דאָרט ליגט דאָך אומעטום צעשפרייט דאָס אַש פון אונדזערע נאָענטע; דאָרט בלאָנדזשען די נשמות פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, דאָרט קלינגען דאָך די ווענט אָפּ מיט דעם ווידערקלאַנג פון זייערע לעצטע געשרייען פון אומבאַשרייבלעכער פּיין. כ'מיין, אַז זיין באַצייכענונג „לובלין אַ פרעמדע שטאָט פאַר אַלע יידן" איז נישט קיין פּאַסנדע און נישט קיין רעפּרעזענטאַטיווע פאַר אַ סך לובלינער, שוין אָפּגערעדט — „פאַר אַלע יידן". כ'וואָלט דאָ געקענט ציטירן פיל אויסצוגן פון בריוו.

ס'וואָלט זיך נאָך וועלן שרייבן נאָך און נאָך וועגן „קול לובלין", אָבער לויטן אויסדרוק פון אפרים איינשטיין, וויל איך נישט איבערשטייגן דעם „בודזשעט" — דאָס אָרט אין זשורנאַל. כ'ווינטש ווייטערדיקן דערפאָלג דעם „קול לובלין". זאָל דער זשורנאַל ווייטער דערנענטערן די אַלע צעשפּרייטע אויף דער גאַנצער וועלט קליינע צאָל לובלינער און דערמעגלעכן זיך צו טרעפן און איבערלעבן די פרייד ביים טרעפן — ווי עס דריקט זיך שיין אויס ישראל אייזנבערג פון לאָס אַנדזשעלעס.

צום באַדויערן, געפינען מיר אין יעדן נומער אַ דערמאָנונג, אַז דאָס הייפעלע איבערגעבליבענע לובלינער פאַרקלענערט זיך כסדר. יעדן מאָל גייען אַוועק אין דער אייביקייט אַנדערע. אין לעצטן נומער האָב איך, צום ביישפּיל, מיט ווייטיק געלייענט וועגן פריצייטיקן טויט פון לייבל מאַנדעלבוים. זיין פערזאָן איז מיר ספּעציעל טייער, ווייל מיר האָבן צוזאַמען אַדורכגעמאַכט אַ שטיק וועג פון קאָוועל אין טיף רוסלאַנד. מיר זענען געפאָרן אין זעלבן עשאַלאָן און דערנאָך זיך געפונען אויפן זעלבן אָרט. אין אַ דערפל אין גאָרקאָווסקאַיאַ אָבלאַסט.

כבוד זיין אָנדענק!

## פייערונג ביי די לובלינער אין פאַריז

אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט זענען געקומען פייערן דעם היי־יאָריקן פורים. די ווייסגעדעקטע טישן מיט פרוכטן און די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן און געבעקס וואָס קאָמיטעט־מיטגלידערינס האָבן צוגעגרייט, האָט גלייך געשאַפן היימישע פרייד. דער פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונג־קאָמיסיע, משה'לע ראָזענבלום באַגריסט די אַנוועזנדיקע און דערמאָנט די קראַנקע מיטגלידער, וואָס האָבן נישט געהאַט דאָס גליק צו זיין צוזאַמען און שיקט זיי איבער אַ רפואה שלימה.

דער פאָרזיצער שמואל שפּירא רעדט וועגן יידישער עקזיסטענץ אין די לאַנגע גלות־יאָרן. אין יעדן דור שטייט אויף אַ נייער המן, וואָס גרייט און צילט אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק. געווען המנס, וואָס ביי זיי האָבן מיר נישט געהאַט די אַטריבוטן פון אַ פאָלק, דאַרף מען אונדז פיזיש און גייסטיק אויסראָטן. פאַר אַנדערע זענען מיר דווקא יאָ אַ פאָלק, ווי די טענה פון דעם המן פון דער מגילה און פון דעם בלוטיקן המן אין דער יידישער געשיכטע, היטלער, ימח שמו. היינט, ווען מיר האָבן דערלעבט צו דער יידישער מדינה, דאַרפן מיר כסדר געדענקען און זיין וואַכזאַם, וויפל המנס קליינע און גרויסע, גרייטן זיך און וואַרטן אויסצופירן דאָס וואָס די פאָריקע המנס איז נישט געלונגען.

אונדזער „איין־טאָגיקע אסתר המלכה", גיטעלע עדעלשטיין, וואָס דעם טאָג איז אויך אויסגעפאַלן איר געבורטסטאָג, האָט דער עולם וואַרעם באַגריסט. זי האַלט אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן פורים וואָס וועט קיין מאָל נישט בטל ווערן, אַפילו אין משיחס צייטן און דערמאָנט די גרויסע פרייד, ווי אַזוי מען האָט געפייערט דעם יום־טוב אין דער אַלטער היים, אַפילו אין די אָרעמסטע שטובן.

דערפאָלגרייך האָט שמואל שפּירא אַדורכגעפירט דעם שלח־מנות־פאַרקויף פון די בלומען, וואָס די מיטגלידער שיקן זיך קעגנזייטיק איבער.

אין אַרטיסטישן טייל זענען אַרויסגעטרעטן: דער זינגער מוגערמאַן, עווע פעלד, אונדזערע לובלינער אננא שטיינזאַלץ, חוהטשע לעווענבוים און טעשקא קאָרמאַן־פאַרשטעטער.

אַ יישר כוח קומט די איבערגעגעבענע מיטגלידער וואָס האָבן בייגעטראָגן פאַרן דערפאָלג פון יום־טוב; די דינאַמישע דינה'לע ראָטשטיין, חוהטשע לאָבערבלאַט, פריינט ניסענבוים מיט זיין פרוי און שוועגערין בראָנשטיין.

משה זאַלצמאַן

## ד"ר בינם וויים, וואַרשע:

ליבער פריינד; אַ שיינעם דאַנק פאַרן לעצטן בריוו. בקרוב וועט אויף דער געביידע פון דער אַמאָליקער ישיבת חכמי לובלין אויף לובאַרטאָווסקי־גאַס, איינגעמויערט ווערן אַן אָנדענק־טאָוול פון שוואַרצן גראַניט (90×70 ס"מ), מיט אַן אויפשריפט אין 3 שפּראַכן:

**W budynku tym, w latach 1930—39, mieściła się Wyższa Uczelnia Rabinacka p. n. „Jeszywas Chachmej Lublin".**

**בבנין זה בשנים 1930—1939**
**שכנה „ישיבת חכמי לובלין".**

**אין דאָזיקן בנין האָט אין די יאָרן 1930—1939**
**זיך געפונען די „ישיבת חכמי לובלין".**

איך מיין, אַז דעם טאָוול וועט מען איינמויערן דעם 9טן נאָוועמבער, אין 42סטן יאָרטאָג פון ליקווידירן דאָס געטאָ אין לובלין.

איך באַזוך לעצטנס זייער אָפט לובלין אין שייכות מיט מיין אַרבעט, וועלכע איך גרייט צום דרוק „סאָציאַלע געזונטהייטשוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלין, אין די יאָרן 1918—1939". די אַרבעט וועט אַרומנעמען די טעטיקייט פון יידישן שפּיטאָל, „טאָז", ביקור־חולים און אַלע יידישע דאָקטוירים און דענטיסטן פון יענער תקופה. מיר איז געלונגען צונויפצוזאַמלען אַ סך דאָקומענטן פאַר דעם בוך.

איך קליוב זיך צו באַזוכן ישראל אין האַרבסט, אפשר וועט מיר געלינגען מיטצוברענגען דעם פילם וועגן לובלין און אים ווייזן פאַר אייך. כ'וואָלט אויך געקאָנט מיטברענגען עטלעכע צענדליק בילדער פון דער יידישער לובלין און איינאָרדענען אַ באַשיידענע אויסשטעלונג. וואָס טראַכטסטו וועגן דעם?

אַ האַרציקן גרוס פאַר אַלע לובלינער יידן אין ישראל.

## אימקע און יעקב פעלדמאַן, תל־אביב:

מיר ווילן אויך היי־יאָר איבערחזרן אונדזער אַפּעל צו די לובלינער יידן אין דער וועלט און אין ישראל: געבן אַ ספּעציעלע, אָנגעזעענע באַשטייערונג, אַז „קול לובלין" זאָל ווייטער קאָנען דערשיינען מיט זיין רייכן אינהאַלט און ממשיך זיין צו פאַרבינדן אונדזערע לאַנדסלייט, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען.

## לובלינער אין מעלבורן געזעגנען א. שטערנפיין און פרוי

מאָנטיק, דעם 19־טן מערץ, דעם צווייטן טאָג פורים, האָבן זיך פאַרזאַמלט די לובלינער לאַנדסלייט און אַנדערע פריינד, אין הויז פון בראָניע און מישע עקהאַוז, צו געזעגענען דעם וויצע־פרעזידענט פון לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט פריינד א. שטערנפיין מיט זיין פרוי סימע, וועלכע פאָרן אַרויס קיין סערפערס פּאַראַדייז זיך דאָרט באַזעצן און אַרבעטן.

ביי שיין־געדעקטע טישלעך, מיט געשמאַקע המן־טאַשן און אַנדערע מאכלים, האָבן די פריינד פאַרבראַכט אַ געמיטלעכן אָוונט.

דער פרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט בענאַ גאָלדבאַנד באַגריסט דעם פריינד שטערנפיין, פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט און באַדויערט, אַז אַזאַ טרייער, געזעלשאַפטלעכער טוער פאַרלאָזט מעלבורן. גלייכצייטיק האָט ער געוווּנטשן די פריינד שטערנפיין אַ „פאָרט געזונט" און נישט פאַרגעסן די היגע פריינד.

מיט ענלעכע רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן מישע עקהאַוז, פריינד דייוויס און פרוי שיפּמאַן.

ביי דער געלעגנהייט האָט מען דערמאָנט די וויכטיקע אַרבעט אַרום חורבן־מוזעאום, ווו די לובלינער האָבן אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט.

עס זענען אויך באַגריסט געוואָרן בראָניע און מישע עקהאַוז, וועלכע רעכענען זיך נישט מיט דער צייט און אָפּט מאָל מיט פינאַנסיעלע אויסגאַבן און אַרבעטן מיט גרויס אינטערעס. ס'איז אויך דערמאָנט געוואָרן די איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוערין, מאַשאַ ווײַנער.

פריינד שטערנפיין האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג צו עפענען אַ ווינקל אין מוזעאום אויפן נאָמען פון די לובלינער און דער ערשטער זיך באַשטייערט פאַר דעם צוועק.

פריינד גאָלדבאַנד האָט פאָרגעלייגט זיין באַשטייערונג און נאָך אים האָבן זיך באַשטייערט נאָך אַנדערע פריינד און געשאַפן אַ באַדייטנדיקע סומע פאַרן מוזעאום.

# אינטערעסאַנטע אָוונטן אין לובלינער יידישן קלוב

אין חודש נאָוועמבער זענען אין אונדזער קלוב אין לובלין פאָרגעקומען צוויי אינטערעסאַנטע אָוונטן.

דער ערשטער אָוונט איז געווען געווידמעט יידישע פאָלקס־לידער און חסידישע ניגונים, אויסגעפירט דורך באַרימטע יידישע זינגער און חזנים. דאָס איז געווען מעגלעך אַדאַנק די דערהאַלטענע פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אונדזער פאַרבאַנד מאַגנעטאָפאָן־לענטעס.

די פאַרזאַמלטע עלטערע מענטשן אויפן זאַל, האָבן זיך דערמאָנט די שיינע יידישע מעלאָדיעס פון זייערע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. יעדער אויפגעשפּילטער נומער האָט אַרויסגערופן גערירטקייט און הייטערקייט ביים עולם.

אויפן צווייטן אָוונט זענען געוויזן געוואָרן ליכט־בילדער וועגן דער אַלטערטימלעכער קולטור און קונסט, חפצים, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן בעת די יידישע יום־טובים און פייערלעכקייטן און די הערלעכע לאַנדשאַפטן פון ישראל. די געוויזענע עקספּאָנאַטן געפינען זיך אין פאַרשידענע מוזייען און ביי פּריוואַטע פּערזאָנען.

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די געוויזענע בילדער האָט קאָמענטירט דער קענער פון דער יידישער אַלטערטימלעכער קונסט, דירעקטאָר פונעם לובלינער מוזיי מגר' דאָמבראָווסקי, וועמען עס קומט אַ האַרציקן דאַנק.

דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אַרויסגעוויזן גרויס באַוווּנדערונג פאַר דער אַלטער יידישער קולטור.

## אויפטריט פון סלאַוואַ פשיבילסקאַ

דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד אין לובלין האָט אָרגאַניזירט אַ קאָנצערט פון די אַקטיאָרן פון „טעאַטער נאַ טאַרגווקו" מיט דער באַרימטער פוילישער זינגערין סלאַוואַ פשיבילסקאַ מיט אַ פּראָגראַם א"נ „אַזוי ווי ביי שאַגאַלן".

דער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין זאַל פונעם „צענטער פון סטודענטן־קולטור". דער קאָנצערט פון די וואַרשעווער אַקטיאָרן האָט אַרויסגערופן גרויס פאַראינטערעסירונג. לאַנג נאָך פאַרן אָנהויב האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און סטודענטן פוןביידע אוניווערסיטעטן אין לובלין.

דער דירעקטאָר פון טעאַטער, יאַן קזשיזשאַנאָווסקי, באַגריסנדיק די פאַרזאַמלטע, האָט גערעדט וועגן דער רייכקייט פונעם יידישן פאָלקלאָר און קולטור, וועלכע פאַר נישט איין פאָלק וואָלט זי געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער.

סלאַוואַ פשיבילסקאַ האָט אָנגעהויבן איר פּראָגראַם מיט דעם ליד „אלי, אלי". שוין דער דאָזיקער ערשטער נומער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע אויפן זאַל. ווייטער זינגט זי „רבקהלע די שבתדיקע", „ווער האָט נאָך אַזאַ ייִנגעלע". לידער וועגן אונדזערע מאַמעס ביים ליכטבענטשן און טאַטעס ביים מאַכן קידוש פרייטיק אויף דער נאַכט. נישט ביי איינעם פאַלט דערביי אַ טרער פון גערירטקייט, עס דערמאָנען זיך יאָרן פאַרגאַנגענע, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל נישט אומקערן...

עס טרעטן אויך אַרויס די איבעריקע מיטגלידער פון אַנסאַמבל — יאַן קזשיזשאַנאָווסקי, אַנדזשעי קאָזאַק, ביי דער הערלעכער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַנוש סענק.

דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן פאָלק, אין דער אויספירונג פון סלאַוואַ פשיבילסקאַ, איז אַ גרויסע אַרטיסטישע דערגרייכונג.

צום סוף פון פּראָגראַם זינגט דער גאַנצער אַנסאַמבל דעם יידישן פּאַרטיזאַנער־הימן „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט מען געזעגנט די אַקטיאָרן פון וואַרשעווער טעאַטער.

אין נאָמען פון קולטור־געז. פאַרבאַנד פון די יידן אין לובלין האָט די אַרטיסטן געדאַנקט פאַר דעם פּרעכטיקן אויפטריט דער פאָרזיצער מ. אַדלער און דערלאַנגט סלאַוואַ פשיבילסקאַ אַ בינטל בלומען.

די באַרימטע זינגערין האָט געדאַנקט פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע און צוגעזאָגט צו קומען קיין לובלין מיט אַ נייעם פּראָגראַם.

מ. אַדלער („פאָלקס־שטימע", וואַרשע 14.4.84)

אינעם אַרטיקל וועגן משה ווייסמאַן ז"ל אין פאַריקן „קול לובלין", איז צוליב אַ פאַרזען פון „הבחור הזעצער" אַרויסגעפאַלן דער אונטערשריפט פונעם מחבר — **אפרים איינשטיין.**

דאָס זעלבע איז געשען מיטן נאָמען פון מחבר, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם באַריכט וועגן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער — **א. זאַמדער.**

# לזכרם • צום אָנדענק

(הרשימות מתפרסמות לפי א״ב)



## באַלעק אַרטמאַן ז״ל

מיין ברודער באַלעק איז געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1915. געלערנט אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, ווו ר׳איז געווען איינער פון די בעסטע שילערס און גלייכצייטיק צוגעשטאַנען צו דער לינקער יוגנט מיט איר ערלעכן גלויבן, אַז די באַוועגונג וועט דערגרייכן גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער, און גאַנץ באַזונדערס — פאַר יידן.

אין יאָר 1933 איז ער געצוואונגען, צוזאַמען מיט דער משפחה, צו פאַרלאָזן לובלין. מיין פאָטער, מיט זיין רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג פון יאָרנלאַנגער אָנגעהעריקייט צו דער פ.פ.ס., וועלכע האָט נאָך געקעמפט מיטן צאַרישן רעזשים, באַשליסט אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע, כדי באַלעקן אָוועקנעמען פון דעם אָרט און סביבה, ווו ס׳האָבן אים געדראָט אַרעסט, אַ פּראָצעס און אורטייל.

אויך אין וואַרשע איז באַלעק אין פאַרבינדונג מיט די לינקע קרייזן. ער אַרבעט ביזן יאָר 1931, ווען ער ווערט מאָביליזירט אין דער פוילישער אַרמיי, אין אַן אַרטילעריע־איינהייט. ער צייכנט זיך אויס ווי אַ גוטער זעלנער און ווערט געשיקט אין אַן אָפיצירן־שול. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַטייליקט ער זיך אין איניקע שלאַכטן מיט די דייטשן, ביז ער פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט. אים געלינגט פון דאָרט צו אַנטלויפן און דורך וועגן־אומוועגן קומט ער אַ היים קיין וואַרשע.

אין 1940, נאָך די ערשטע אַנטי־יידישע גזירות, געלינגט באַלעק׳ן, זיין פרוי און מיר צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, ווו מיר האָבן איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן. אין 1946 קומט ער צוריק קיין פוילן און זיינע אַמאָליקע פאַרטיי־חברים לייגן אים פאָר פאַרשידענע הויכע אַמטן. אַלע אַרבעטן פירט ער אַדורך מיט אחריות און איבערגעגעבנקייט און ווערט באַלוינט מיט פאַרשידענע אויסצייכענונגען. ער ווערט באַשטימט אַלס לעקטאָר אויפן אוניווערסיטעט און אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי — ביז ער דערגרייכט צום הויכן אַמט פון קאָמענדאַנט פון דער העכערער אָפיצירן־שול, אין ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק (קאָלאָנעל). מען לייגט אים פאָר צו פאַרבייטן זיין יידישן פאַמיליע־נאָמען אויף אַ פוילישן — נאָר ער וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק.

אין יאָר 1957, האָט אַ געוויסן טאָג זיין טאָכטער זיך אומגעקערט פון שול מיט אַ געוויין, אַז מ׳האָט איר נאָכגעשריען אין קלאַס „זשידוווקאַ". די געשעענישׁ האָט ענטגילטיק אים געשטויסן צו פאַרלאָזן פוילן, איבערלאָזן דאָרט דעם הויכן אַמט און געהאַלט און שנעל עולה זיין קיין ישראל, כדי אויך אויסמיידן אין וואַרשע דעם „פּאַרטיי־געריכט" קעגן אַ יידישן אָפיציר.

הגם ר׳איז געקומען קיין ישראל אָן אַ פאַך, האָט ער אָרגאַניזירט אַ קורס פאַר אָפּטאָמעטריסטן נייע עולים און דערנאָך אַליין געפירט מיט דערפאָלג אין תל־אביב אַן אָפּטיק־געשעפט. אַ גוטהאַרציקער מענטש, האָט ער נישט איין אומפאַרמעגלעכן עלטערן מענטש געגעבן ברילן אָן אָן אָפּצאָל.

אין נאָוועמבער 1983 איז באַלעק קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און אין עלטער פון 68 יאָר געשטאָרבן אין הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים. ער האָט פאַרלאָזט אַ פרוי, צוויי טעכטער, אייניקל, און ברודער מיט זייערע פאַמיליעס.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

**מאַרעק אַרטמאַן**

## נחמן בלומנטל ז״ל
### זקן חוקרי השואה

ב־7 בנובמבר 1983, לאחר מחלה ממושכת, הלך לעולמו בתל־אביב הסופר והמורה נחמן בלומנטל, מראשוני החוקרים של תולדות השואה והמבולטים שבהם.

יליד העיירה בורשצ׳וב בגאליציה, בן 81 היה במותו. בין שתי מלחמות העולם עסק בלובלין בהוראה ובפעילות פובליציסטית, בתחום הספרות והתרבות היהודית. לאחר השואה הקדיש את עצמו כולו לעבודה על תיעוד השואה וחקירתה. היה בין מייסדי הוועדה היהודית ההיסטורית המרכזית בפולין (לימים — המכון היהודי ההיסטורי) ולאחר מכן מנהלה. היתווה את הדרכים באיסוף חומר תיעודי וגביית עדויות, הופיע מטעם התביעה במשפטים של פושעי מלחמה, ערך את פרסומיו הראשונים של המכון.

ב־1950 עלה לישראל ותחנתו הראשונה בארץ — קיבוץ לוחמי הגיטאות ו„בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון", אשר עשה אז כבר את צעדיו הראשונים. נחמן בלומנטל ערך את שני הקבצים הראשונים של בית לוחמי הגיטאות („דפים לחקר השואה והמרד") וידו היתה גם בספרים שראו אור באותה תקופה. לאחר 1952 עבר בלומנטל לירושלים והצטרף לסגל המדעי של „יד ושם", שם עבד עד לפרישתו לגימלאות.

בין ספריו: „שמועסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע" (בואנוס איירס, 1966), „דרכו של יודנראט" (יד ושם, 1962), „תעודות מגיטו לובלין" (יד ושם, 1967), „צוריקבליקן" (1973), „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה" (1981). יחד עם ד״ר י. קרמיש ערך את הקובץ „המרי והמרד בגיטו וארשה" (1965). היה גם בין עורכי היומן של אדם צ׳רניאקוב.

מותו הוא אבידה גדולה לכל העוסקים בחקר השואה ובכלל זה גם לנו. מ. ש.

(קיבוץ לוחמי הגיטאות)

## על קברו הרענן

קהל גדול זה, שהתאסף כאן, בא להיפרד ממך, ר׳ נחמן, בדרכך האחרונה. בין קהל זה נמצאים גם תלמידיך מגימנסיה ההומניסטית בלובלין. כמורה ומחנך השתדלת להחדיר בהם אהבת עם ישראל וארץ־ישראל.

בשנת 1950 עלית ארצה והצטרפת למוסדות יד ושם והוצאת הספרים של קיבוץ לוחמי הגיטאות כעורך ועובד מדעי. כ״כ היית פעיל באגודה להנצחת שמה של בלה מנדלסברג־שילדקרויט, ההיסטוריונית מלובלין.

השתתפתי יחד אתך בחלוקת מלגות ל־סטודנטים באוניברסיטה בירושלים ובת״א. הסברנו להם את המשמעות של הנצחת השואה, הגבורה ושמה של בת־עירנו. היית בין מקימי המוזיאון בקיבוץ לוחמי הגיטאות.

כהיסטוריון, סופר וחוקר השואה הוצאת מספר ספרים. לפני שנה יצא לאור לקסיקון מיוחד במינו: „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה" — של מילים ואמרות בתוך הגיטאות והמחנות. גם בפולין כתבת שני ספרים מתקופת השואה: הפרוטוקולים של היודנראט מלובלין ובאיאליסטוק.

העסיקו אותך במיוחד הבעיות בארץ, החברה הישראלית, אורחות חייה ועתידה.

נסתלקה מאתנו דמות יפה של אדם אציל ואיש תרבות. דמות נדיבה ומקרינה, אשר כה תחסר לנו.

ארגון יוצאי לובלין בישראל ובתפוצות משתתף בצער וביגון של המשפחה. זכרונך לא ימוש מקרבנו לנצח.

**מתתיהו הורן**

## עטלעכע ווערטער וועגן נחמן בלומענטאַל

מיט גרויס ווייטיק האָט איך אין דער „פאָלקס־שטימע" פון דעם 19־טן דעצעמבער 1983 איבערגעלייענט די קליינע נאָטיץ וועגן

אַ גרויסן מענטש: ער האָט געהייסן נחמן בלומענטאַל. כ׳האָב געהאַט דעם כבוד אים צו באַקענען מיט עטלעכע פופציק יאָר צוריק. ער איז געווען לערער אין דער הומאַניסטישער ג׳ימנאַזיע אין לובלין. ער האָט דאָרט געלערנט פילאָזאָפיע און איך האָב מיך אין די דרייסיקער יאָרן געפונען צווישן זיינע שילער. דער קעגנשטאַנד איז געוויס נישט קיין לייכטער, אָבער פראָפ׳ נחמן בלומענטאַל האָט מיט זיין גרויסן פּאָפּולאַריזאַטאָרישן טאַלאַנט באַוויזן אים צו מאַכן צוגענגלעך פאַר די יונגע מוחות. מיט זיין ליבן שמייכל האָט ער אויך שטענדיק זיך באַמיט די שילער צוצוגעבן מוט און חשק זיך צו פאַרטיפן אין די שווערע פּראָבלעמען. ער האָט פאַר די שילער געהאַט שטענדיק געדולד און קיינמאָל נישט אויפגעהויבן דאָס קול.

אַלס ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, האָט ער אין שול געשאַפן אַ קרייז פון ליבהאָבער פון קולטיווירן און אַנטוויקלען די דערמאָנטע ווערטן. אים האָב איך צו פאַרדאַנקען די ערשטע ידיעות וועגן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. ער איז געווען צווישן זיינע הייסע אַנהענגער און פּראָפּאַגאַטאָרן.

ער איז געווען אַ געבוירענער וויסנשאַפטסמאַן, זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט פאַרשונג און פּאָפּולאַריזירונג פון דער יידישער שפּראַך און קולטור. זיין לעצט ווערק, „ווערטער און ווערטלעך" איז ממש אַן אוצר. ער האָט אין משך פון גאַנצע 39 יאָר אָנגעזאַמלט אַ געוואַלדיקן מאַטעריאַל וועגן פאַרשידענע טיפּישע אויסדרוקן און באַצייכענונגען, וועלכע זענען געשאַפן און באַנוצט געוואָרן אין די געטאָס און פאַרניכטונגלאַגערן.

איך האָב געהאַט דעם כבוד אים צו טרעפן עטלעכע מאָל די לעצטע יאָרן. כ׳האָב אים באַזוכט אין זיין באַשיידענער וווינונג אין תל־אביב, ווי ער האָט מיך שטענדיק האַרציק אויפגענומען און באַמיט זיך צו אינפאָרמירן וועגן זיינע פּלענער פון ווייטערדיקער אַרבעט. ער האָט געאַרבעט כמעט ווי ביז דער לעצטער מינוט. זיינע שוואַרצע לעבעדיקע אויגן האָבן ביז דער מינוט אַרויסגעוויזן אַ נייגעריקייט צו וויסן וואָס מער. צום באַדויערן, האָבן זיינע שוואַכע כוחות אין דעם איינגעשרומפּענעם קליינעם קערפּער נישט מער געקאָנט דינען צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער.

דאָס מאָל האָב איך אים געזען אין חודש אַפּריל 1983. ביים געזעגענען, האָב איך געווונטשן ער זאָל נאָך קענען לאַנגע יאָרן אַרבעטן און שאַפן. ער האָט לויט זיין שטייגער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס מאָל האָט ער שוין נישט געגלויבט, אַז ער וועט נאָך קענען לאַנג אַרבעטן און פאָרשן — און דאָס איז דאָך שטענדיק געווען דער קערן פון זיין לעבן. פאַר מיר פערזענלעך האָט ער נאָך באַוויזן אין 1982 אָנצושרייבן „עטלעכע ווערטער" וועגן בוך און דער מחברטע, וועלכע זענען אַריין אין „מיין לובלין" אַרויסגעגעבן 1982.

אין זיין „ירושה", די סיסטעמאַטיש געזאַמלטע און סעגרעגירטע מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן, דאַרפן באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן ווערן. זיי זענען געוויס אַ גרויסער קוואַל פון וויסן. זיין אוניקאַלע ביבליאָטעק שטעלט מיט זיך פאָר אַ ספּעציעלן אוצר. די גליקלעכסטע מינוטן אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער באַטראַכט די, וועלכע ער האָט באַוויזן צו פאַרברענגען אין זיין פּריוואַטער אָדער אַלגעמיינער ביבליאָטעק און גריבלען אין די קולטור־ווערטן און סיסטעמאַטיזירן. גליקלעך איז ער געווען, ווען ער האָט געהערט אַ ספּעציפישן אויסדרוק און אויך געקענט פּלאַסירן אין אַ געהעריקע שפּראַך, רעגיאָן.

אין דער צייט פון מיין באַזוך, האָט ער מיט פרייד אויסגעכאַפּט אַן אויסדרוק, וועלכן איך האָב באַנוצט „די ניסים מיט דוקעס". ער האָט פאַרנאָטירט און קוואַליפיצירט אַלס אַ לובלינער שפּראַך־ספּעציפיק.

ער איז געוויס געשטאָרבן מיט דער גרויסער דאגה, וועלכע האָט אים געמאַטערט און איז געקומען צום אויסדרוק ביי אונדזערע שמועסן: ווער וועט נאָך אים באַאַרבעטן זיינע געזאַמלטע מאַטעריאַלן, ווער וועט אָפּהיטן זיינע אוצרות, די געזאַמלטע אוניקאַלע ביבליאָטעק. איך מיין, אַז דעם חוב דאַרף מען אים אָפּצאָלן. ער האָט מיר אָנפאַרטרויט זיינס אַ טרוים, אַז זיין איינציקער זון זאָל קאָנטינואירן זיין נישט פאַרענדיקטע אַרבעט.

**רוזשקע שניידמאַן־פישמאַן**
**געטעבאָרג, שוועדן**



## ברײַנדל גרינבערג ז"ל

אין עלטער פון 91 יאָר, איז ט"ז אדר ב׳ תשמ"ד (20.3.84), נפטר געוואָרן אין תל־אביב ברײַנדל גרינבערג, געבוירן אין לובלין, געוווינט אויף קראָקעווער פאַרשטאָט. זי האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט 50 יאָר צוריק און די גאַנצע צייט געוווינט אין תל־אביב. טראָץ דעם הויכן עלטער, האָט זי זיך אַליין באַדינט און געווען ביים פולן באַוווסטזיין און טעטיקייט.

ברײַנדל גרינבערג האָט פאַריתומט אַ זון, שנור און אייניקלעך.

כבוד איר אָנדענק; **א. וו.**

## ישעיהו הורביץ ז"ל

ישעיהו יקירי,

באנו להיפרד ממך על קברך הרענן ובדרכך האחרונה. לפני שתים עשרה שנה היה לי הכבוד להשתתף ולנהל את המסיבה ביום הולדת ה־85, שהתקיימה בבית המלין בתל־אביב, שאירגנו לכבודך בני עירך.

היית אז מלא מרץ ותושיה ורצון עז לדעת ולעקוב אחרי המתרחש בארגון יוצאי לובלין בישראל, כמו־כן התעניינת רבות בענינים ציבוריים.

אני זוכר את דמותך עוד לפני מלחמת עולם השניה כאיש פעיל ואחד ממנהיגי התנועה הציונית הכללית בלובלין, יחד עם לוזר ניסנבאום וגב׳ בלהה דובז׳ינסקה ז"ל. בתקופה שניהלתי את תנועת הנוער הציוני והשומר הלאומי בעירנו, פניתי אליך מספר פעמים לעזור ולהופיע במושבות קיץ. הבעיה היתה, איך להשפיע על ההורים שירשו לילדיהם בזמן החופש מבית הספר, להשתתף במושבות אלה. הופעת וידעת להסביר את תורת הציונות והחלוציות בליבם של הילדים ועשית זאת במסירות רבה ובצורה נאה.

בשנת 1935 עלית ארצה יחד עם כל משפחתך. בחוץ־לארץ היית אמנם סוחר גדול של עורות, אבל כאן, בארץ, צריך היה להתחיל לעבוד. בהתחלה עבדת בתור פקיד בסוכנות היהודית ואחר כך ב„מפדה אזרחי", עד שפרשת לגמלאות. בגיל 70 הבן שלך יעקב, שיבדל לחיים ארוכים, סידר לך מקום עבודה בבית חרושת בחולון — ועד גיל 88 היתה לך תעסוקה מלאה.

בגיל 90 התקיימה מסיבה משפחתית מפוארת, בהשתתפות הילדים, הנכדים והנינים, בה קיבלת תעודה מיוחדת מטעם הקרן־הקיימת, כרשום ב„ספר הזהב". היית פעיל בתנועה הליברלית בחולון ובקופת גמילת חסד. עזרת רבות לנזקקים.

עלי לציין, שהלכת מאתנו בשיבה טובה, אבל לצערנו ולדאבוננו הרב — לולא התאונה האומללה שנפלת, יכולת עוד הרבה שנים להיות עמנו. נזכור את אישיותך המלבבת ודמותך האצילית.

קרוביך, ידידיך וארגון יוצאי לובלין בישראל ובתפוצות משתתפים בצער המשפחה.

תהיה נשמתך צרורה בצרור החיים.

**מתתיהו הורן**
(דברים על קברו)

## על קברו של אבא, ביום השלושים,

אין זה מקובל, שבת תספיד אב. בכל זאת, אני מרגישה צורך לומר כמה מלים — לנו, לעצמנו. והרי כל מה שאומר, ידוע ממילא לכלכם...



teatrnn.pl



ישעיהו הורביץ ז״ל

היה אדם בלתי רגיל. לא רק בגזע — שהאריך ימים. היה איש עקרונות. מעשים. לא אהב מלים סתם — מה שהתקרא בפיו „תריצים". החליט — עשה. לא דבר הרבה, במיוחד לא אהב לדבר על מישהו, בהעדרו. ידע לומר דברים קשים, כל מה שחשב — ישירות לאיש. לא בדרך עקיפה. שנא רכילות. לא עסק בה.

עסק בציונות כל ימי חייו. זכרונותי עמו מתחילים בתקופת גן-בי״ס עממי בלובלין, כשהסתובבתי גאה בין כל חברותי. אבא היה ה„פטרון" של הנוער הציוני, מראשי גימנסיה „תרבות". בבית דיברו עברית. השכנים ה־גויים הכירו אותנו מ„שירי ליל שבת" ה־עבריים, המושרים על מרפסת ביתנו ברחוב קובלסקה.

**אבא היה עושה לי „סיבובים" בהכשרה של „השומר הצעיר" שהיתה בעירנו, ערב צאתה לישראל. היה מחזיק אותי על ברכיו ומשנן לי: „אם ישאלו אותך למה אינך דוגלת בדגל האדום לצד הכחול לבן — תעני, ‚אני ציונית — ולא יותר'". עמד על זה בתוקף, עד יומו האחרון.**

היה ציוני כללי, שנא צביעות, שנא תוס־פות, קרא מלחמה על הדתיים, בשל סירובם לעלות לישראל „בימים ההם" שלפני ה־מלחמה. ולבו כאב, על שבאחרית ימיו, דוקא אלה, הדתיים שבבית הכנסת ממולו, חברו לו, ובחברתם יכל היה לדבר דברי תורה, לספר סיפורים על הרבנים למיניהם, ולדלות פסוקים מהמקורות.

כאב לו, שהדור הצעיר רחוק מהמקורות. עמד בתוקף על כך, שבביתו תשמר המסורת על כל פרטיה. בכל חג מחגי ישראל, היה מזמין את כל המשפחה, על הנכדים והנינים והאחיינית וצאצאיה לסעודת חג. בני 3 דורות היו יושבים „שבת אחים", שרים שירים ואוכלים מטעמים משפחתיים.

בחנוכה היה מחלק, בטקס מיוחד, דמי חנוכה לכל אחד מהנכדים והנינים. ובפסח — כדי להסב מחשבותיהם מגניבת האפיקומן — שוקולדות לכל אחד ואחד בנפרד. ישבו 3 דורות ביחד והנעימו זמירות.

הקפיד על שוויון, שחס-וחלילה לא יקבל ילד אחד יותר מהשני, או שיגרע חלקו במשהו. וכך, למרות הכנסותיו המצומצמות — הצליח לחסוך סכומים, אותם רשם מראש על שמות כל ילדיו. אפילו הכין את תוכן המצבה שתוקם לו. ביקש, שתהיה בדיוק כמו של האמא. הדגיש, שיהיה כתוב בה, שהיה ציוני פעיל עד סוף ימיו.

היתה לו שמחת חיים, חדוות יצירה, כוח נעורים. אך כאב פיזי, ממש, לא יכל היה לשאת. לא היה רגיל לו. לכן כרע, כאשר נשבר לו אגן הירכיים. לא היה רגיל לסבול פיזית — והוא נשבר. והוא השאיר לנו, מה שכנה „כעין צוואה", והנה היא:

א. שהילדים ילכו בדרך הישר.

ב. שיהי' שורר צביון יהודי בביתם.

ג. שישתדלו למנוע מריבות ביניהם, ו־במקום זה: אחוה וחיבה.

ד. אחרי מותי להודיע לרב מיכאל וסרמן.

ה. לאחר פטירתי, אם אפשר, שילכו כל ילד, ביחד עם יוצאי חלציו.

ו. להשתדל, שבמשך שבעת ימי האבל יהיה מנין ויגידו קדיש.

ז. שרוח האחוה ישרור ביניהם.

השאיר 15 נינים, אשר הבכורים בהם, נשאו את ארונו עד לקבורתו, ואילו הנין ה־16, שנולד סמוך למותו — נושא את שמו.

נזכור אותו בכבוד, בהערצה, ובחיבה. אין עוד שכמותו.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים. אמן.

**יהודית סהר, עו״ד**



## שלמה וואַלבערג ז״ל

ס'איז פֿאַריבער העכער אַ יאָר נאָכן טויט פֿון אונדזער ברודער און שוואָגער שלמה, מיט וועמען מיר האָבן אַ סך יאָרן, אָנהייבנ־דיק פֿון 1933, ביז זיין פּטירה — געלעבט צוזאַמען אונטער איין דאַך און זיך געטיילט מיט אים אין ליידן און אין פֿריידן. מיר האָבן אים אָפּגעהיטן ווי אַן אייגן קינד, ס'האָט אים קיינמאָל גאָרנישט געפֿעלט. אַזוי אין לובלין, ביזן אויסברוך פֿון דער מלחמה, אין סאָוויעט-רוסלאַנד אויף פֿאַרשיקונג, אין פּוילן נאָך דער באַפֿרייונג און אין מאָנטרעאַל — ביז דעם 5טן סעפּטעמבער 1983, ווען זיין האַרץ האָט אויף שטענדיק אויפֿגעהערט צו קלאַפּן.

שלמה איז געבוירן געוואָרן אין לובלין אין יאָר 1913. תמיד זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטילקייט, ערלעכקייט און באַשיידנקייט. אין סעפּטעמבער 1939, זענען מיר אַוועק קיין רוסלאַנד, אָבער דאָרט פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַז מיר האָבן אין 1946 זיך אומגע־קערט קיין פּוילן און דערזען דעם גרויסן חורבן, זענען מיר אַוועק קיין עסטרייך, און פֿון דאָרט — קיין קאַנאַדע. דאָ האָבן מיר אָנגעהויבן אַ ניי לעבן.

מיטן טויט פֿון שלמה וואַלבערג, איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ גוטהאַרציקער מענטש, אַ ליבער ברודער און שוואָגער, אַן איבער־געגעבענער מיטגליד דער לובלינער סאָסייטי.

כבוד זיין אָנדענק!

**רחל און נתן זימעלשטערן**



**זעליג וואַסערשטרום (רעכטס) און לייבל לערער ז״ל**

## זעליג וואַסערשטרום ז״ל

פֿון ניו-יאָרק איז אָנגעקומען די טרויערי־קע ידיעה וועגן טויט פֿון אומפֿאַרגעסלעכן זעליג וואַסערשטרום, אַ באַקאַנטער אַרבעטער־טוער אין פֿאַרמלחמהדיקן לובלין און איבער־געגעבענער מיטגליד פֿון דער לובלינער אָרגאַניזאַציע אין ניו-יאָרק.

זעליג איז געווען אַקטיוו אין „בונד", אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג און אין דער „קולטור-ליגע". זיינע זכרונות פֿון לובלין, דערשינען אין עטלעכע נומערן פֿון אונדזער צייטונג, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קרעפֿ־טיקע שילדערונגען, נאָסטאַלגיע און ליטע־ראַרישן טאַלאַנט. פֿון זיינע בריוו צו מיר האָב איך געוווּסט, אַז ער שרייבט אַפֿילו אַ בוך וועגן דער יידישער לובלין און ווי־ל אויך באַזוכן ישראל. נאָר די שווערע קראַנ־קייט אין די לעצטע יאָרן האָט צונישט גע־מאַכט אַלע זיינע פּלענער.

ס'איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ האַרצי־
קער מענטש, אַן אידעאַליסט און טרייער, לובלינער ייד.

כבוד זיין אָנדענק!

**ד. ש.**

## יהודה ווייצענבליט ז״ל

„אויב די ישראלים וואָלטן אַריבער דעם סועץ־קאַנאַל מיט אַ פּאָר טעג פריער, וואָלט אפשר סאודיע נישט געוואַגט אָנצוהייבן די נאַפט־מלחמה!״ — האָט בשעתו געזאָגט אַן אַמעריקאַנער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר, שטיצנ־דיק אויף די פּאָלגנדיקע היסטאָרישע פאַקטן:

צו דער נאַפט־מלחמה, האָבן סאודיע און אַנדערע אָפּעק־מדינות זיך געגרייט אַ לענ־גערע צייט, איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די יום־כפור־מלחמה דעם 6טן אָקטאָבער 1973. אָבער סאודיע האָט מורא געהאַט, אַז אירע נאַפט־פעלדער וועלן זיין אין אַ גרויסער סכנה ווייל ישראל קאָן רעאַגירן.

אויך נאָך דעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די יום־כיפור־מלחמה און די מצרים זענען אַרי־בער אויפן מזרח־ברעג פון סועץ־קאַנאַל, האָט זיך סאודיע געוואַקלט במשך 10 טעג, אויס מורא פאַר אַ ישראלדיקער קאָנטער־אָפּענסיווע. ערשט דעם 16טן אָקטאָבער האָט זיך אָנגע־הויבן די נאַפט־מלחמה. דעריבער איז מעג־לעך, אַז אויב די ישראלים וואָלטן אַריבער אויפן מערב־ברעג פון סועץ־קאַנאַל נישט דעם 18טן אָקטאָבער, נאָר אַ פּאָר טעג פריער — טאָ וואָלט סאודיע נישט געוואַגט אָנצו־הייבן די נאַפט־מלחמה.

נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט די נאַפט־מלחמה מיט... לובלין?

איז דער ענטפער:

צום איבערגיין אויפן מצרישן מערב־ברעג פון סועץ־קאַנאַל, האָט זיך צה״ל אָנגעהויבן גרייטן נאָך מיט אַ סך יאָרן פריער, איידער ס'איז אויסגעבראָכן די יום־כיפור־מלחמה. צה״ל האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע מיליטערי־שע אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך דערצו געגרייט. די געהיימע הכנות זענען געמאַכט געוואָרן אויפן כנרת. דאָרט זענען אַדורכגעפירט גע־וואָרן נאַכט־מאַנעווערס, בעת וועלכע מ'האָט געלערנט ווי אַזוי אַריבערפירן פון איין ברעג אויפן צווייטן טאַנקן און האַרמאַטן אויף ספּעציעלע טראַטוועס און שיפלעך. די זעלנער וואָס האָבן זיך משתתף געווען אין די מאַנעווערס, האָבן נישט געוווּסט, אַז אויפן ים כנרת לערנט מען, ווי אַזוי אַריבערפירן טאַנקן איבערן סועץ־קאַנאַל.

בראש פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז געשטאַנען סגן־אלוף (קאָלאָנעל) יגאל יניב, דער זון פון יהודה ווייצענבליט און אייניקל פון יצחק אליעזר ווייצענבליט — פון די ערשטע עולים פון לובלין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די יום־כיפור־מלחמה, האָט מען די טראַטוועס און שיפלעך באַדאַרפט אַריבערפירן אויף ריזיקע לאַסט־אויטאָס פון ים כנרת קיין סיני, וואָס נעענטער צום סועץ־קאַנאַל. צום מצרישן מלחמה־פראָנט האָבן דעמאָלט געשטראָמט מאַסן צה״ל־סאָל־דאַטן און די וועגן זענען געווען פאַרשטאָפּט. אָבער יגאל יניב האָט מצליח געווען גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן און זיין אָפּטיילונג, נישט געקוקט אויפן מערדערישן פייער פון די מצרישע האַרמאַטן — איז אַריבער אויפן מערב־ברעג פון סועץ־קאַנאַל און דערמעג־לעכט די צה״ל־כוחות צו דערגריין ביז 100 קילאָמעטער פון דער גרויסער סועץ־שטאָט. דעריבער איז יגאל יניב שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.



**יהודה ווייצענבליט ז״ל**

זיין זיידע, יצחק אליעזר ווייצענבליט, איז אין לובלין געווען פון די גרינדער פון „מזרחי״. נאָך זיין עולה זיין, איז ער באַ־שטימט געוואָרן אַלס ביבליאָטעקאַר אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אויפן הר הצופים אין ירושלים. אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָט יעדער ייד פון לובלין געהאַט צוויי אַדרעסן אין ירושלים: יצחק אליעזר ווייצענבליט און בנימין איינשטיין. ביי זיי האָט מען געקאָנט באַקומען נישט נאָר אַן עצה, נאָר אויך יעדע מעגלעכע הילף.

יהודה ווייצענבליט, דער זון פון יצחק אליעזר ווייצענבליט און פאָטער פון יגאל יניב, איז געקומען פון לובלין, נאָך זייענדיק אַ קליין קינד. ער האָט געלערנט אַגראָנאָמיע אין מקוה ישראל און באַקומען אַרבעט אין דאָרף כפר עטא (היינט: קרית אתא), ביי דער משפחה פון שמואל אבראַמסקי, וואָס איז אויך געווען פון די ערשטע עולים פון לובלין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (זע „קול לובלין נר. 17 פון 1982).

יהודה ווייצענבליט האָט חתונה געהאַט מיט בעלאַ, די טאָכטער פון שמואל און אסתר אַבראַמסקי. בעלאַ האָט אים געבוירן צוויי זין: שמואל, דער שפּעטערדיקער אינזשיניער אויף דער שיף, וועלכע איז געשיקט געוואָרן ברעכן די מצרישע בלאָקאַדע קעגן אילת פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה אין יוני 1967, און יגאל, וואָס איז געוואָרן דער „העלד פון סועץ־קאַנאַל־איבערגאַנג״ אין אָקטאָבער 1973.

נאָך דעם ווי כפר עטא האָט זיך עקאָנאָמיש אַנטוויקלט און געוואָרן קרית־אתא, האָט יהודה ווייצענבליט געאַרבעט אין דער פאַבריק פון „דשנים וכימיקלים״ אין מפרץ חיפה. אויך וועגן אים האָט מען געזאָגט, אַז ר'איז געווען באַליבט ביי אַלע. ווען ער איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן — זענען טאַקע אַלע אַרבעטער און באַאַמטע „פון העכסטן ביזן קלענסטן״ געקומען צו זיין לוויה.

כבוד זיין אָנדענק.

**אלחנן ה.**

## פּאָלאַ זאַלצמאַן ע״ה

אַ גרויסער עולם איז געקומען צו דער לוויה פון פרוי פּאָלאַ זאַלצמאַן — מיטגלידער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, פריינט פון מפ״ם, צערקל בערנאַר לאַזאַר, משפחה און חברים, אויך שרייבער און קינסטלער, כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דער פאַרשטאָרבענער פרוי פון משה זאַלצמאַן.



אין די קורצע, טיף־עמאָציאָנעלע ווערטער וועגן דער ערלעכער אַרבעטער־פרוי, האָבן די וויצע־פאַרזיצערין פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, גיטעלע עדעלשטיין און איזאַק אַפּאַטאָווסקי פון מפ״ם, געשילדערט איר שווערן לעבנס־וועג: אַ קינד פון אַ גרויסער משפחה פון אַ לאָדזשער פּראָלע־טאַריער אין אַ טעקסטיל־פאַבריק. צו 10 יאָר הייבט זי אָן אַרבעטן אין אַ פאַבריק. אין די יוגנט־יאָרן עמיגרירט זי קיין פראַנקרייך, מאַכט אַדורך אַלע שוועריקייטן פון איינ־אָרדענען זיך, איז אָבער געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, גאָר באַזונדערס — אין שטריקער־סינדיקאַט. אין 1934, איז די יונגע פּאָלאַ מיט פרייד און ענטוזיאַזם אַוועקגעפאָרן פון

דעם שיינעם פאַריז צו איר מאַן און חבר אין דעם „סאָציאַליסטישן, פריי־גליקלעכן ראַטן־פאַרבאַנד”. בלויז דריי יאָר געלעבט צוזאַמען מיט איר מאַן אין דעם עקאָנאָמיש־דלותדיקן און דוחקדיקן סאָוויעטישן לעבן. פון דעם גליק פון צו קענען לעבן צוזאַמען, האָט מען איר ברוטאַל איבערגעריסן אין יאָר 1937. פאַרבליבן פאַריתומט, פאַרפרעמדט, מיט אַ קינד פון אַכט חדשים, אָן וועלכע ס'איז מיטלען צו לעבן.

דער טעראָר־פסיכאָז פון דער סאָוויעטישער פראָפּאַגאַנדע קעגן די „אויסלענדישע שפּיאָנען” און „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן”, האָט זי ממש אַרויסגעשטויסן פון דער געזעלשאַפט; שכנים און באַקאַנטע האָבן זי מורא געהאַט אפילו צו באַגריסן. צו קיין אַרבעט האָט מען זי אין ערגעץ נישט געוואָלט נעמען, ווייל ווי קען מען אָנטרויען אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר „קאָנטר־רעוואָלוציע” און „שפּיאָנאַזש”?

אין אָט די שרעקלעכע באַדינגונגען, איז איר אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך פאַר דעם אָרעם לעבן און דערציען אַ קינד, וואָס אפילו פאַר אים מוז מען אויסבאַהאַלטן ווו דער טאַטע געפינט זיך.

בעת דער מלחמה, איז דער צוג מיט וועלכן זי האָט זיך עוואַקואירט קיין אוראַל, געוואָרן באָמבאַרדירט און זי איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט. אַזוי איז זי געוואָרן אַ דאָפּלטער קרבן — פון סטאַליניזם, ווי פון היטלעריזם. האָבנדיק דעם סטאַטוס פון אַן אינוואַליד, כדי מען זאָל זי נישט שיקן אַרבעטן אין די קוילן־גרובן אין ווייטן סיביר, מוז זי פאַרלייקענען, אַז זי האָט געהאַט אַ מאַן און לעבט אויף איר מיידלערישן נאָמען. אָבער די כסדרדיקע שרעק און מורא בייטאָג און ביינאַכט, אַז מען וועט זיך חלילה דערוויסן, דערפירט זי צו אַ גייסטיקער קראַנקייט.

אין אָט די באַדינגונגען האָט זי זיך געראַנגלט העכער 10 יאָר, ביז איר משה איז באַפרייט געוואָרן פון „גולאַג” און באַקומען דאָס רעכט צו לעבן אין אַ פאַרשיקונג־שטעטל צוזאַמען מיט זיין משפחה. אויך דאָס ווערט כסדר באַגלייט מיט שרעק, אַז מען זאָל אויפסניי נישט ווערן אַרעסטירט.

אָבער טראָץ דעם וואָס דאָס אומדערוואַרטעטע גליק, האָפענונג און שטרעבונג צוריק צו קומען קיין פאַריז האָט זיך פאַרווירקלעכט און דערלעבט נחת פון דעם זון מיט צוויי אייניקלעך, אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט, הן פון דער משפחה און הן פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, איז אָבער איר געזונט־צושטאַנד נישט פאַרבעסערט געוואָרן. לאַנג האָט זי געליטן און גאָר באַזונדערס איז געווען איר ליידן־וועג די 11 חדשים אין די שפּיטעלער. ווי אַ הייליקע מאַרטירערין, האָט זי אויסגעהויכט איר ערלעכע נשמה.

זאָל איר די ערד גרינג זיין!

**משה**

## זשעני זאַבערמאַן ז״ל

צו דער לוויה פון דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער זשעני זאַבערמאַן ע״ה, די טאָכטער פון באַקאַנטן עסקן אלתר זאַבערמאַן ז״ל, וועלכער האָט אין פראַנקרייך פאַרנומען וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן — איז געקומען אַ גרויסער עולם פון קרובים, פריינט און לאַנדסלייט פון פרוי פייגעלע זאַבערמאַן, די מוטער פון דער יונג־פאַרשטאָרבענער טאָכטער, ווי אויך פון דער משפחה פון יוסף זאַבערמאַן, פרעזידענט פון דער פאָלקסאַקציע.

ביים אָרון אויפן בית־עולם באַניע, האָט אין נאָמען פון דער פאַראייניקטער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פאַריז, די סעקרעטאַרין טעשקע קאַרמאַן אויסגעדריקט (אין פראַנצויזיש) די מיטלייד־געפילן פאַר דער שווער געטראָפענער משפחה זאַבערמאַן און פון די לובלינער יידן אין פאַריז.

די פאַרשטאָרבענע האָט אויך מספיד געווען שמואל שפּירא, פאַרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך.

די רעליגיעזע צערעמאָניע האָט אַדורכגעפירט דער רב פון דער אָרטאָדאָקסישער סינאַגאָגע פון רי מאָנטעווידעאָ און דער ברודער נאָרבער זאַבערמאַן האָט געזאָגט קדיש.



## ישראל זילברטש ז״ל

נולד בשנת 1916 בלובלין, שבפולין. גדל והתחנך בחדר ובישיבה.

הוא עבר על בשרו את מאורעות השואה, אשר הטביעו בו את חותמם ואותם לא יכול היה לשכוח עד יום מותו. היה משחזר ומזכיר את הזוועות והזמן לא רפא לו.

בשנת 1950 עלה לארץ־ישראל. כאן בנה את ביתו וטיפח את משפחתו. במקום עבודתו במשרד התקשורת, היה מקובל ואהוד על כל סובביו, בטוב לבו וברצונו לעזור ולסייע לכל הזקוק, מנה את עולמו.

מחוץ למסגרת עבודתו, הרבה לקרוא ספרים ובמיוחד להעמיק בספרי קודש וארץ־ישראל. ציונות וארץ־ישראל היו לגביו התגשמות משאלת חייו. עוד בהיותו בפולין תרם לבניית המולדת היהודית וראה בהקמתה ערך עליון.

אני זוכרת אותו תמיד כבעל טוב לאשתו, ומלא חמימות. לבנותיו היה אב נפלא, תמיד עודד אותנו ללמד ולהתקדם. זכורני כשקיבלתי את התואר באוניברסיטה, לא היה מאושר ממנו.

נחת רבה גרמה לו גם הקריירה הצבאית בה בחרתי והוא היה גאה על כך מאוד.

ואחרונים חביבים רצוני להזכיר את נכדיו ונכדותיו, אותם אהב אהבה עזה והם החזירו לו שבעתיים. כשכבה פתיל חייו איבדנו אדם יקר, נפש זכה וטהורה.

**בתו מרים רביד**

## ישראל (איגנאַץ) כהן ז״ל

אין פלאָרידאַ, פאַר. שטאַטן, איז דעם 22סטן אַפּריל 1984 נפטר געוואָרן ישראל כהן, געווען באַקאַנט אין ישראל אַלס איגנאַץ.

ישראל איז געבוירן אין פולאַווו, דעם 20סטן אויגוסט 1901, נאָר אַלע יאָרן, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געוווינט מיט זיין פאַמיליע אין לובלין. נאָך דער מלחמה זיך באַזעצט אין לאָס־אַנזשעלעס.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער מענטש און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערלעכקייט און גרייטקייט צו העלפן מענטשן. זיין וואַרעם האַרץ פאַר אַנדערע, איז געווען אַ שם־דבר ביי די אַלע וואָס האָבן אים געקענט. אים, מיין פעטער, האָב איך צו פאַרדאַנקען וואָס ער האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם באָמבאַרדירטן לובלין דעם 9טן סעפּטעמבער 1939.

כבוד זיין אָנדענק!

**סעם ברייטער, מאָנטרעאַל**

## עובדיה פלד ז״ל

שלושים יום עברו מאז שהלכת מאיתנו — וקשה להשלים עם האבידה הזאת.

ביום הלויה רציתי להיפרד ממך, אחרי דבריו הקצרים והנרגשים של מר מרדכי צאנין. אבל לדאבוני ולצערי הרב, לא יכולתי, היות והרגשתי מחנק וחוסר אפשרות לביטוי. הצער והכאב היו גדולים מדי. מי שהכיר אותך מקרוב, יודע להעריך את סגולותיך הנעלות, את יושרך והגינותך. עסקת רבות בצרכי ציבור, כחבר הוועד של ארגון יוצאי לובלין בישראל. מצאת תמיד זמן להגיש סעד חומרי ומוסרי לשארית הפליטה. היית מיוזמי וממייסדי, יחד עם חברנו אפרים איינשטיין יבד״ל, את השנתון של ארגון יוצאי לובלין.

אהבת את החיים ואת האנשים, אבל המחלה האיומה ניצחה את הגוף.

אני מפליג כעת מעבר לתקופת השואה, בשנת 1934, בזמן שניהלתי את תנועת הנוער הציוני בלובלין. עוד בנעוריך, התמסרת בכל

מאודך להחדיר בנוער את תורת הציונות החלוצית. ואחרי שעליתי ארצה, נודע לי על התמסרותך לתנועה. היית אחד ממדריכיה ומנהיגיה, כאשר החינוך לעליה היה הנושא המרכזי בפעולותיך.

בימי המלחמה, מצאת מקלט בברית־המועצות. ב־1946 חזרת לפולין ובעיר לודז׳ חידשת את פעילותיך הציונית. עסקת בעיקר בארגון העליה הבלתי־לגלית וראית ברכה בפעולותיך. אח״כ עברת לגרמניה, כדי לארגן את התנועה הציונית הכללית ומונית להוציא לאור את העתון „די ציוניסטישע שטימע״, ומאוחר יותר — את העתון „אונדזער וועג״.

בראשית שנות החמישים עלית ארצה עם משפחתך ונתקבלת ביומון האידי „לעצטע נייעס״ וביומון הפולני „נאָוויני־קוריער״, בהם כתבת מאמרים פוליטיים וגם על נושאים כללים. הופעת ברדיו כפרשן פוליטי לבעיות אקטואליות.

ב־1972 הופיע ספרך „5 שנים במולדת הסוציאליסטית״. כ״כ תרגמת ליידיש את שני הכרכים של שבתי טבת „דאָס לעבן פון משה דיין״. היית שנים רבות המוציא לאור והעורך של השנתון האינפורמטיבי באנגלית על מדינת ישראל. כסופר ועורך קיבלת פרס ספרות, כעתונאי ב־1982, מטעם אגודת הסופרים ביידיש בישראל ופרס נוסף ע״ש רבקה ויהושע גולדברג.

הסתלקותך היא אבדה גדולה ויגון צורב למשפחה וליוצאי לובלין בישראל ובתפוצות.

מתי הורן

מדברים על קברו ביום השלושים

## צום אָנדענק פון עובדיה פעלד

געבוירן אין לובלין אין יאָר 1917. געענדיקט די דאָרטיקע יידישע גימנאַזיע. געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני״ אין לובלינער קרייז.

פון 1936 ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, שטודירט אויף דער זשורנאַליסטישער הויכשול אין וואַרשע.

אין די יאָרן פון וועלטקריג — פּאַרוואַגלט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף פאַרשיקונג. שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג פון דאָרטן, געווען לערער אין טאַדזשיקישן שטעטל אורא־טיובע.

אין יאַנואַר 1946 צוריק געקומען קיין פוילן, זיך באַזעצט אין לאָדזש און גלייך באַנייט זיין ציוניסטישע טעטיקייט, באַזונדערס אין די ראַמען פון דער „בריחה״ — דעם אומלעגאַלן אַרויספאָר פון פוילן קיין ארץ־ישראל. געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער „קאָאָרדינאַציע״, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אויסלייזן פון קריסטלעכע הענט הונדערטער יידישע קינדער, אויסבאַהאַלטענע בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע ביי פּאָליאַקן. די קינדער זענען דערנאָך אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מערב־דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

סוף 1946 פאַרלאָזט עובדיה פעלד פוילן און קומט קיין מינכען, דאָ געווען פאַרשטייער פון די ציונים־כללים אין צ.ק. פון דער שארית־הפליטה און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון מערב־דייטשלאַנד. געהאַט דעם רעדאַקטאָר־פּאָסטן פון אָרגאַן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן „די ציוניסטישע שטימע״.

אין אַפּריל 1950 עולה געווען מיט דער משפחה קיין ישראל. אַ יאָר שפּעטער אָנגעהויבן אַרבעטן אין די צייטונגען „לעצטע נייעס״ און „נאָוויני קוריער״, ווי אויך אַלס פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר אין ראַדיאָ.



אין יאָר 1972 האָט עובדיה פעלד אַרויסגעגעבן אַ בוך זכרונות פון זיינע איבערלעבונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד א״נ „5 יאָר אין סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד״. האָט איבערגעזעצט פון עברית אויף יידיש דאָס צווייבענדיקע בוך פון שבתי טבת „דאָס לעבן פון משה דיין״. עובדיה פעלד האָט אַרויסגעלאָזט אַ צאָל פּאָליטישע בראָשורן אויף דער טעמע פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה (אין יידיש און פויליש). געווען אויך רעדאַקטאָר פון ישראלדיקן אינפאָרמאַציע־יאָרבוך (אין ענגליש).

אין יאָר 1977 האָט עובדיה פעלד, פאַר זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט, באַקומען דעם פּרייז פון פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל, און אין יאָר 1982 — דעם פּרייז פון פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין פּאַריז.

צו די שלושים, האָט די פאַרוואַלטונג פון יידישן שרייבער־פאַריין, צוזאַמען מיט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, איינגעאָרדנט אַן אָנדענק־אָוונט.

דער זאַל פון בית לייוויק איז געווען איבערפולט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם פון לאַנדסלייט און פען־מענטשן. דער אָוונט איז דערעפנט געוואָרן מיטן טרויער־מאַרש פון שאָפּען, אויסגעפירט דורך באַרבאַראַ מאַלווע. דער פאַרזיצער פון אָוונט, דוד שטאָקפיש, האָט כאַראַקטעריזירט די געזעלשאַפטלעכע און פובליציסטישע טעטיקייט פון עובדיה פעלד, אָנהויבנדיק פון די יינגסטע יאָרן אַלס שילער און סטודענט אין פוילן, איבער די וואַגלענישן בעת די מלחמה־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס ער האָט באַשריבן אין זיין בוך „5 יאָר אין סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד״.

דער רעדאַקציע־מיטגליד פון די „לעצטע נייעס״, יוסף גאָלדקאָרן, האָט צווישן אַנדערן אָנגעוויזן, אַז די פובליציסטיק פון עובדיה פעלד איז געווען באַאיינפלוסט פון זיין כאַראַקטער אַלס גוטמוטיקער מענטש, וועלכער האָט ביי יעדן געזוכט דאָס גוטע, דאָס פּאָזיטיווע.

אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער פובליציסטישער טעטיקייט פון עובדיה פעלד ז״ל, האָט געגעבן דער סעקרעטאָר פון דער רעדאַקציע „לעצטע נייעס״ יצחק בראָט, וועלכער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן נפטר העכער 30 יאָר, אָנהויבנדיק פון זייערע וואָנדערונגען אין דייטשלאַנד, אויפן וועג קיין ישראל.

דער פאַרזיצער פון ווילנער קלוב, לייבל קאָריסקי, האָט אין זיין וואָרט איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון עובדיה פעלד גלייך נאָך זיין אומקערן זיך פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פוילן. עובדיה פעלד איז דאַן געווען אַ מיטגליד אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, וואָס האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין לאָדזש און האָט זיך פאַרנומען מיט אויסגעפינען און אויסקויפן געראַטעוועטע יידישע קינדער אין די קלויסטערס און ביי פּאָלאַקן.

## עובדיה פלד ז״ל

מר ועצוב לי על הלב להספיד את עובדיה, כשידידות עמוקה של למעלה משלושים שנה קשרה בינינו, עד יומו האחרון.

עוד בהיותו תלמיד בית־ספר עממי, השתייך לארגון צופים והוכיח יוזמה וכושר ארגוני, שהתפתחו בשדה פעולה רחב, בתקופות שונות של חייו.

בעיר מולדתו לובלין התמזגו בשנת 1931 שני ארגוני נוער: „הרצליה״ שבה התרכז הנוער הלומד, ו־„השומר הלאומי״, שכלל בתוכו את „הנוער הציוני״. עד מהרה נהיה עובדיה, תלמיד בגימנסיה שפער — לאחד ממנהיגי „הנוער הציוני״. הוא מחלק את הצעירים לקבוצות לפי רמתם, מרצה לפניהם ומשפיע. הוא גם נאלץ להפריש מזמנו הדחוק למלחמה בקבוצות השמאליות של „הבונד״ והקומוניסטים, שהשפעתם לא היתה מבוטלת על חלק מהנוער הלובלינאי. תמיד היה מוכן לעזור למועמדים פוטנציאליים לעליה לארץ־ישראל וללוותם לתחנת הרכבת עם דגלי הלאום, בשירה ובריקודי „הורה״ ברחובות העיר.

אחד מהישגיו החשובים — ארגון מושבות־קיץ לנוער, שנהפכו לסמינרים להעמקת התודעה הציונית. ובאותו הזמן, לארגן טיולים וסיורים בסביבה כפרית. הוא גם יזם הקמת נקודות־הכשרה לנוער, באחוזות של

יהודים ולא־יהודים, לעבודה יצרנית בארץ־ישראל.

אחרי תום לימודיו בגימנסיה, התקבל לבית־הספר הגבוה לעיתונות בוורשה. עם פרוץ המלחמה בספטמבר 1939, הוא מצליח לחזור ללובלין ברכבת האחרונה. הוא מזדעזע מאכזריות הגרמנים ליהודים בעיר ומחליט, בהסכמת ההורים, לברוח, לשטח כיבוש הסובייטי, ללמברג. כעבור זמן־מה, הוא חוזר ללובלין במטרה לשכנע את הוריו ואחיו הנשוי לחזור עמו ללמברג. הוא לא מצליח בזה ולוקח עמו רק את חברתו האהובה ואחיה. בדרך־לא־דרך, מתוך סכנות רבות, מגיעים ללמברג. עם ההתמוטטות של ההסכם מולוטוב—ריבנטרופ, הוא עוקר, יחד עם רבבות פליטים, לטדז'יקיסטן ומקבל משרת מורה בקולחוז, ללמדם גרמנית. הוא רוכש במהרה קצת ידיעה בשפה הטדז'יקית. כעבור זמן הוא בתפקיד של בריגדיר בתחנת טרקטורים וגם כאן הוא קונה את ליבם של העובדים.

בסוף המלחמה הוא חוזר עם משפחתו ללובלין, רואה את חורבן עירו ומפחד להיכנס לדירת הוריו. עובר ללודז' ומצטרף ל„קואורדינציה" של כל המפלגות הציוניות, שתפקידה: לכוון את שארית הפליטה שחזרו מגיא ההריגה — לארץ ישראל ולהציל ילדי ישראל, שנמסרו ע"י הוריהם לידי פולנים ולכנסיות. זאת היתה עבודה מפרכת ומסוכנת. בדרך זו הצליחו להציל כ־500 ילדים.

אחרי הפוגרום בקילץ, משתכנע עובדיה שאין תקומה ליהדות פולין והוא מחליט להגיע לגרמניה. לפני הנסיעה הוא מתיישב בבראטיסלאבה ומארגן את „הבריחה" לארץ־ישראל. אח"כ הוא מגיע למינכן, למרכז של שארית־הפליטה בשטח הכיבוש האמריקאי. הפדרציה הציונית ממנה אותו לעורך של „די ציוניסטישע שטימע", שהופצה באירופה. מספר שנים הוא גם עורך של „אונדזער וועג", שהופיע 3 פעמים בשבוע.

באפריל 1953 הוא מגיע לישראל. כאן הוא התקבל כעתונאי ופרשן פוליטי ביומון היידי „לעצטע נייעס". מאמריו נעשים פופולריים ולשם־דבר אצל קוראי יידיש בארץ ובחוץ־לארץ. הוא גם משתתף בקביעות ביומון הפולני „נוביני־קורייר" וכותב בעתונים אחרים. באותו הזמן הוא פעיל באגודת סופרי יידיש בישראל ובבית לייוויק; חבר פעיל במועצה העולמית למען תרבות יידיש. ב־1972 הוא מוציא ספרו ביידיש „5 שנים במולדת הסוציאליסטית" וגם מספר חוברות ביידיש ובפולנית על מלחמת ששת הימים תרגם (מעברית ליידיש) את ספרו של שבתאי טבת על חייו של משה דיין. בשנת 1962 מיסד, יחד עם כותב שורות אלה, את השנתון „לובלינער שטימע". תרומתו הגדולה היתה — יסוד הוצאת הספרים ע"ש לייוויק. הוענקו לו פרסים ספרותיים ע"י אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל, וע"י אגודת סופרי יידיש בפריז.

עובדיה היה עסקן ציבורי תמיד מוכן לעזור לזולת, ובמיוחד לעולים חדשים ולסופרים יהודים מפולין ומרוסיה. 6 שנים עד יום מותו — היה מזכיר אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל. הוא ידע את הסוד איך לרכוש ידידים ולנצלם לעזרת הזולת. היה חביב ואהוד על כולם. גם יריביו הפוליטיים כבדוהו. מיותר היה לבקש ממנו שרות כל שהוא, הציע אותו בעצמו.

בין מודעות־האבל שהופיעו אחרי פטירתו, מצאתי אחת בזו הלשון:

עובדיה יקר, האיש האנושי ביותר שפגשתי בחיי הארוכים. אני שרויה בעצבות עמוקה, בגין מותך טרם עת. שפרה ליפשיץ.

אשה זו הגיעה לישראל בגיל 80, אחרי 50 שנות טלטולים בבתי־סוהר ובמחנות עבודה בברית־המועצות מפני שהאמינה ברצינות בבירובידז'ן של סטאלין. בבואה לישראל הופנתה לעובדיה — והוא עזר לה בכל השלבים וגם להוציא ספרה ביידיש ובעברית „נשים במחנות העבודה בברית המועצות".

שני ילדיו התייתמו מאב מסור ונאמן.

יהי זכרו ברוך.

אפרים איינשטיין



## ריווטשע (גינאַ) עהרענבערג־אייזענבערג ע"ה

מיטוואָך, דעם 7טן מערץ 1984, איז אין לאָס־אַנזשעלעס געבראַכט געוואָרן צו אייביקער רו גינאַ עהרענבערג, די טאָכטער פון באַקאַנטן, פאַרמלחמהדיקן עסקן ר' משה'לע אייזענבערג און שוועסטער פון זיי צו לאַנגע יאָר — ישראל אייזנבערג און פרוי פון יצחק עהרענבערג.

ריווטשע האָט באַקומען אַ יידישע דערציונג אין דער היים פון די עלטערן און אין דער בית־יעקב־שול אין לובלין. שפּעטער געלערנט אין גימנאַזיע, ביז דער מאַטורע. אויף איר, ווי אויף דער גאַנצער משפחה אייזנבערג, איז אויסגעפאַלן דער ביטערער גורל אַדורכצומאַכן דעם היטלעריסטישן גהינום, אַנהייבנדיק פונעם געטאָ אין לובלין, אויף דער „אַרישער" זייט און אין די אַרבעט־לאַגערן.

על־פי נס איז גינאַ'ן געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען, צוזאַמען מיט איר שוועגערין באַלטשע אייזנבערג און מיט איר מאַן געקומען נאָך דער באַפרייונג פון שטוטגאַרט קיין לאָס־אַנזשעלעס.

די פאַרשטאָרבענע איז געווען טעטיק אין אַ ריי יידישע, נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנזשעלעס, ווי אויך אַרויסגעוויזן אינטערעס און אַקטיוקייט צווישן די לובלינער. כמעט יעדעס יאָר האָט זי מיט איר מאַן באַזוכט ישראל און דאָ זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך פיל חברים און פריינד פון דער אַלטער היים.

איר אינערלעכע שיינקייט האָט פולשטענדיק האַרמאָנירט מיט דער אויסערלעכער שיינקייט. תמיד מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויפן פנים, גרייט צו העלפן, האָבן אַ סך געפיל פאַר יענעם און פאַר יעדן האַלטן אָפן די טיר פון איר גאַסטפריינטלעכער היים. אַ שווערע קראַנקייט אין לעצטן יאָר האָט זי צוגעשמידט צום בעט און אָנהייב מערץ האָט זי אויסגעהויכט איר איידעלע נשמה.

גינאַ האָט פאַריתומט איר מאַן איזאַק (יצחק), די טאָכטער מאַשאַ מיט דריי איינִיקלעך: עליזה, ארז און זיוו, דעם זון ד"ר מאָריס (משה — אויפן נאָמען פון משה'לע אייזענבערג ז"ל) עהרענבערג, דעם ברודער ישראל און שוועגערין באַלטשע מיט דער משפּחה. הונדערטער פריינד, חברים און לאַנדסלייט האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה און אָפּגעגעבן כבוד דער פאַרשטאָרבענער. מיר וועלן זי תמיד געדענקען!

א. ל.



## יעקב פּוטערמאַן ז"ל

מברלין הגיעה הידיעה המעציבה על מותו ללא־עת, אחרי מחלה ממושכת, של יעקב פוטערמאַן ז"ל, בנם של מרדכי (מאטל) וחנה פוטערמאַן, אחיהם של באשה פעלד ואברהם פוטערמאן יבד"ל.

←

יעקב היה איש אינטליגנטי, נעים הליכות, בעל חוש הומור מפותח, מנהל חשבונות מעולה, אהוד וחביב על כל ידידיו. בפרוץ מלחמת העולם השניה, גוייס לצבא הפולני ועם נפילת פולין, עבר לברית־המועצות, שם הועסק במקצועו. התגייס לצבא הפולני ברוסיה והגיע לדרגת קצונה. הגיע לברלין עם הצבא, שם פגש את בן־עירו, איש עסקים ירחמיאל בוזניק ז"ל והועסק ע"י כמנהל חשבונות ראשי. ביקר הרבה פעמים בארץ, אצל בני משפחתו, השרויים באבל כבד.

יהי זכרו ברוך!

**עובדיה איינשטיין**



## פראנעק קארפ ז"ל

פראנעק קארפ, א זון פון א באקאנטער לובלינער יידישע משפחה אין לובלין, האט געהערט צום דור טרוימערס און קעמפערס, וואס האבן נישט געוואלט משלים זיין מיט דער ווירקלעכקייט און פארן פרייז פון זעלבסט־אפּפערונג גרייט געווען זיך איינצושפּאנען אינעם קאמף צו ענדערן די וועלט, און במילא — אויך דאס יידישע לעבן.

ווי א סך פון זיין דור, איז ער אין דער פריסטער יוגנט אריינגעטרעטן אין דער אומלעגאלער קאמוניסטישער יוגנט־ארגאניזאציע. די מאטעריעלע באדינגונגען אין דער היים דערמעגלעכן אים צו ענדיקן די וואוועלבערג־שול אין ווארשע, ווו ער באקומט דעם אינזשעניער־דיפּלאם. אין יאר 1938 ווערט ער ארעסטירט און פארמשפּט אויף 4 יאר תפיסה פאר קאמוניסטישער טעטיקייט און קומט אפ דעם תפיסה־אורטייל אויפן „זאמעק". אין די מלחמה־יארן געווען אין רוסלאנד און אין 1946 זיך אומגעקערט מיט דער רעפּאטריאציע קיין פוילן, ווו דער נייער רעזשים האט אים אנפארטרויט א ריי וויכטיקע און הויכע אמטן.

אין יאר 1969 איז ער עולה קיין ישראל, ווו ער ארבעט אינעם פאטענטן־אמט אין תל־אביב. אין די לעצטע יארן געווען קראנק און אין עלטער פון 70 יאר אויסגעהויכט זיין נשמה.

פראנעק איז געווען אן ערנסטער, פאראנטוואָרטלעכער און הארציקער מענטש. ער האט פאריתומט זיין פרוי, די בארימטע דיכטערין הדסה רובין, זייער טאכטער, איידעם און צוויי אייניקלעך.

זאל אים די ערד גרינג זיין! **ד. ש.**



## מאשאלע ראזענבלום (הייבלום) ז"ל

געבוירן אין לובלין אין יאר 1913, אין א חסידישער היים פון ארבעטס־מענטשן. זי האט געענדיקט די שול מיט אן אויסצייכענונג. צום ערשטן מאל האב איך זי געטראפן אויף אן אונטערנעמונג אין „קארסא", בעת זי איז געשטאנען אויף דער בינע און דעקלאמירט אויף דער פייערונג, וועלכע ס'האט ארגאניזירט דער „החלוץ הצעיר" אין שטאט. מאשקע איז דארט געווען אן אקטיווע מיטגלידערין. איך האב דעמאלט געהערט צו דער יוגנט־ארגאניזאציע „פרייהייט" פון די רעכטע פועלי־ציון. אונדזער לאקאל איז געווען א בשותפותדיקער, אויף סטאשיצא 22. מאשאלע איז כמעט יעדן אוונט געקומען אין קלוב, געטאנצט, פארברענגט, דיסקוטירט און קיינמאל נישט ארויסגעלאזט דאס בוך פון האנט. אין אלע אונטערנעמונגען און אויפטריטן, האט זי גענומען אן אקטיוון אנטייל. אונדזער באקאנטשאפט איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין א פריינדשאפט און אין יאר 1936, אין חודש מערץ, האבן מיר חתונה געהאט.

נאכן פארענדיקן די שול, האט זי געארבעט אין דער אין לובלין באקאנטער שניידער־פירמע אטלאס, אויף קראקעווער פארשטאט. א טייל פון אירע מיטארבעטערינס זענען דא אין לאנד און זיי האבן צו דערציילן א סך גוטס פון דער פארשטארבענער.

נאך פארן אויסברוך פון קריג, איז אונדז געבוירן געווארן די עלטסטע טאכטער. ווי נאר ס'האבן דעם 1טן סעפטעמבער גענומען פאלן דייטשישע באמבעס אין שטאט, איז געווארן א געוואלטיקע פאניק און בהלה. אין יענעם תוהו ובוהו פארלאז איך אליין לובלין און מאשקע בלייבט ביי אירע עלטערן מיט א פיצל קינד. נאר איר ווילן צו לעבן און ראטעווען דאס קינד, האט איר באוויזן צו לאזן זיך אויף א געפערלעכן וואנדער־וועג, גראד אין שווערע מלחמה־טעג — און איר געלינגט צו קומען קיין בריסק, ווו אין גרויס פרייד טרעפן זיך אלע דריי און בלייבן שוין צוזאמען.

די ווייטערדיקע געשיכטע פון אונדזערע פליטים אין ראטן־פארבאנד — איז גוט באקאנט. מיר ווערן פארשיקט קיין קאמי־א.ס.ס.ר. די שווערע ארבעט, די הונגער־דערנערונג און שקלאפן־באדינגונגען אנטמוטיקן נישט די דאזיקע פרוי. זי מאכט אלע אנשטרענגונגען צו ארבעטן אינטענסיווער, כדי זיכערן א גרעסערן „פאיאק" (ברויט־צוטיילונג), ווייל די משפחה האט זיך פארגרעסערט. ביז דער באפרייונג זענען אונדז געבוירן געווארן נאך צוויי קינדער.

אין יאר 1946 האבן מיר זיך עוואקואירט קיין פוילן, נידערשלעזיע און זיך באזעצט אינעם שטעטל באזשא־גורא, נעבן וואלבזשיך. אויסער די ערשטע זארג צו באקומען ארבעט און זיכערן פרנסה, האבן מיר זיך אויך אנגאזשירט אין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און געגרינדעט די פועלי־ציון (צ.ס.) פארטיי, זייענדיק אין פארבינדונג מיט דער צענטראלע אין ווארשע און מיטן וואיעוואדישן קאמיטעט אין וואלבזשיך, מיטן וועלכן ס'האט אנגעפירט חבר פיעקאטש. פאר זיין ארויספאר צו באזוכן ארץ־ישראל, האט ער אונדז אנגעזאגט נישט צו פארלאזן פוילן, ביז וואנען ער קומט נישט צוריק, ווייל אנדערש ווערט די ארגאניזאציע זיך צעפאלן. אבער נאכן קעלצער פאגראם, האט דעם רוב יידן אין דעמאלטיקן פוילן אנגעהויבן ברענען דער באדן אונטער די פיס. מיר האבן צונויפגענומען עטלעכע משפחות, געדונגען 3 וועגענער מיט פערד און אריינגעפארן קיין וואלבזשיך. דארט האט אונדז שוין באזארגט דער צענטראל־קאמיטעט און נאך עטלעכע יאר נע־ונד — איבער פוילן, דייטשלאנד און עסטרייך, זענען מיר אין יאר 1949 אנגעקומען קיין ישראל.

די ערשטע איינארדענונג איז געווען אין א מעברה אין חדרה, צוזאמען מיט נאך עטלעכע טויזנט נייע עולים. אויך דא האט מאשאלע זיך אויסגעצייכנט מיט איר געזעלשאפטלעכן צוגאנג און זארג פאר אנדערע. די אנפירונג פון דער מעברה האט אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען נישט איינמאל זי געשטעלט פאר א מוסטער פאר אנדערע עולים.

שפעטער האבן מיר זיך איינגעארדנט אין רמת־גן, ווו מאשקע האט זיך דערווארבן א סך פריינד. אלע האבן זי ליב געהאט, ווייל זי אליין איז געווען א אוהב בריאות, ליב געהאט מענטשן און געזעלשאפט, פאר יעדן איינעם געהאט א ווארט פון דער־

מוטיקונג און טאַקע אויך — געהאָלפן.

זי איז אויך געשטאַנען בראש פון אונדזער פאַרצווייגטער משפּחה, וואָס האָט געציילט צוואַנציק נפשות. ווי אַ טיפּישע „יידישע מאַמע”, איז זי געווען דער כוח וועלכער האָט געהאַלטן אַלע צוזאַמען. איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיר זענען געזעסן ביי דער טעלעוויזיע און זי האָט געהערט וועגן אַ געפאַלענעם צה״ל־סאָלדאַט, האָט זי זיך צעוויינט, גלייך דאָס וואָלט, חלילה, געווען איר אייגן קינד. יענעמס אומגליק איז געווען אויך איר אומגליק און יענעמס פרייד — איר פרייד.

אין די לעצטע יאָרן האָט זי אָנגעהויבן קרענקען און דעם 15טן מערץ 1984 אויסגעהויכט איר נשמה. די קלוגע, גוטהאַרציקע און מוטערלעכע מאַמאַלע וועט אונדז אַלעמען פעלן. דער מאַן, די קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך זענען געבליבן פאַריתומט. זי וועט אונדז פעלן אויף שריט און טריט.

עדיין המומים וכואבים. נזכור אותך לעד. לא נשכח את פניך המחייכות, את טוב ליבך ואהבת הזולת.

כבוד דיין אָנדענק! ברוך



## יחזקאל (כאסקעלע) טרייסטמאַן ז״ל

פון די פרומע, ערלעכע און באַשיידענע ייִדן, אומגעקומען פון די נאַצישע רציחות אין לובלין, אין 1942. געוווינט „אויפן זאַמד”, מיט זיין פרוי און קינדער און געווען באַקאַנט ווי אַ לערנער און אָפּגעהיטענער ייִד אין די תרי״ג מצוות.

זיין אָנדענק דערמאָנען די זין: אהרון טרייסטמאַן (פּתח־תקוה) און מאָטל טרייסטמאַן (מעלבורן) מיט זייערע משפּחות.

## אברהם דער ל״וניק

ס׳איז געוואָרן 10 יאָר זייט אברהם איז נפטר געוואָרן אין לאָס־אַנזשעלעס — און די ווייטערדיקע שורות וויל איך ווידמען זיין אָנדענק.

אַלס קינד, בין איך תמיד געווען אַנטציקט פון דערציילונגען אין די מעשה־ביכלעך, וואָס מוכר־ספרימניקעס פלעגן פאַרקויפן אין בית־המדרש, צווישן מנחה־מעריב, אויסגעלייגט אויף די טישן ביים כיור, נאָענט צו דער טיר, נאָר אַמיינסטן בין איך געוואָרן באַאיינדרוקט פון די מעשיות וועגן די ל״ו (זעקס־און־דרייסיק) צדיקים, וועמענס לעבן איז געווען איינגעהילט אין סודות. אַ ל״וניק האָט זיך געקענט געפונען צווישן פּשוטן פאָלק, ביי די בעלי־מלאכהס — די שוסטערס, שניידערס, בעלי־עגלות.

אַזאַ ייִד איז אין מעשה־ביכל פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ האַרעפּאַשניק, וואָס אַרבעט שווער און ביטער אַ גאַנצן טאָג, אָבער ביי־נאַכט, נאָך חצות, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען, זאָגן תהילים און לויבן דעם רבונו־של־עולם. זייער פרומקייט און ערלעכקייט איז געווען אַ שם־דבר. אַזוי אויך — זייער באַשיידנקייט.

אפילו אין די קליינע שטעטלעך, ווו איינער ווייסט וועגן צווייטן, איז דער ל״וניק תמיד געבליבן דער נסתר, פאַרהוילן פון אַנדערע, אַ פאַרבאָרגענע געשטאַלט. איך געדענק, אַז ווען כ׳האָב נאָך געלערנט אין חדר, איז מיין טרוים געווען צו טרעפן פנים־אל־פנים אַט אַזאַ ל״וניק.

מיט 50 יאָר שפּעטער, אין דער ווייטער לאָס־אַנזשעלעס, וויל איך זיך איינריידן, אַז כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף אַזאַ ייִד.

דער אָנהייב פון דער געשיכטע איז אין יאָר 1942, ווען כ׳האָב אין איינעם פון די דייטשישע טויט־לאַגערן זיך געטראָפן מיט אברהמ׳ען. אַזוי האָט ער געהייסן. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דער שרעקלעכער איבערלעבונג, פון אַוועקנעמען פון אים, אויף אַ ברוטאַלן אופן, זיין קליין ייִנגעלע דוד׳ל. דער שטאַרקער, יונגטלעכער אברהם האָט געאַרבעט אין אַ שעכטהויז, געהאָלפן די קצבים און אויך געווען באַקאַנט אין זיין שטאָט ווי אַ גוטער פוטבאָליסט. גראָד אין די מוראדיקע באַדינגונגען פון לאַגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן די גוטהאַרציקייט פון דעם מענטש. ווי ער האָט נאָר געקאָנט וועמען העלפן, אינטערווענירן ביים קאַפּאָ, דערמוטיקן מיט אַ גוט וואָרט — האָט ער דאָס געטאָן מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. אין יענע שווערע באַדינגונגען, איז דאָס געווען מאָראַלישע הילף און פיזישע אונטערהאַלטונג.

נאָך דער באַפרייונג, האָב איך אים געטראָפן אינעם די. פּי.־לאַגער אין ווירטענבערג, דייטשלאַנד. די פרייד איז געווען גרויס. דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן נאָך עטלעכע יאָר וווינען אין דער זעלבער שטאָט (לאָס־אַנזשעלעס), אין זעלבן קוואַרטאַל. אויך דאָ האָט ער זיך גענומען צו זיין אַלט פאַך, געאַרבעט אין שעכטהויז און אויפגעשטעלט אַ משפּחה. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אָפט באַזוכט איינער דעם צווייטן. די פּסח־סדרים געפּראַוועט צוזאַמען, זיינע קינדער האָבן פּונקט ווי אונדזערע געפרעגט די פיר קשיות...

צוליב דער האַרץ־קראַנקייט, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שווערע אַרבעט אין שעכטהויז, געעפנט אַ מעבל־געשעפט און גאַנץ לייטיש זיך אַרויפגעאַרבעט — אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין „שוואַכקייט” צו טראָגן הילף פאַר אַנדערע. פון געבן אַ גמילות־חסד, האָט ער געהאַט אַ נישט קלענערע הנאה פון דעם וואָס האָט באַקומען דאָס געלט אין אַ נויט. באַזונדערס האָט ער געהאָלפן די ניי־געקומענע אימיגראַנטן. נישט נאָר זיי פאַרקויפט מעבל פאַר אַ ביליקן פּרייז און צוגענגלעכע באַדינגונגען, נאָר אויך אָפּגעפירט צו זיי די סחורה און געהאָלפן אַרויפטראָגן אין שטוב. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז שוין נאָכן אַוועקשטעלן דאָס מעבל ביים קונה, האָט יענער זיך אָנגערופן אַ פאַרשעמטער:

— אוי וויי, כ׳האָב נישט צו באַצאָלן דאָס גאַנצע געלט...

אויף דעם האָט אברהם געענטפערט אַ שמייכלדיקער:

— זאָרג נישט, ס׳איז דיין אַמעריקע! ווען דו וועסט האָבן, וועסטו באַצאָלן.

✶

אויף דער פייערונג צום יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ ייִד, מיט וועמען מ׳איז געווען צוזאַמען אין לאַגער. נאָכן אַרומכאַפּן זיך און צעקושן זיך, דערציילט מיר דער ייִד, אַז ער איז דער אייגנטימער פון אַ קליין שפּייזגעוועלבל אין דער שפּאַנישער געגנט און מאַטערט זיך מכוח פּרנסה. ווען ער פאַרמאָגט אַן אַנדערהאַלבן טויזנט דאָלאַר מזומן־געלט צו קויפן דערפאַר סיגאַרעטן — וועט זיך ראָטשילד נישט קענען צו אים גלייכן...

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז מאָרגן 12 באַטאָג, קום איך צו אים אין קראָם מיט אַ טשעק אויף 1,500 דאָלאַר. כ׳האָב זיך טאַקע צוגעשטעלט צו דער באַשטימטער צייט און ווי נאָר כ׳האָב איבערגעגעבן דעם טשעק, באַווייזט זיך פּלוצום אברהם און האַלב באַליידיקט, האַלב צופרידן, זאָגט ער מיר אויף זיין פאַלקסטימלעכן לשון:

— אַ רוח אין דיין טאַטן — האָסט מיר אונטערגעכאַפּט אַזאַ מצווה... דער ייִד האָט דאָך געזאָלט ביי מיר באָרגן דאָס געלט, אָן פּראָצענט. ביסטו גאָר אונטערגעקומען און אויסגעכאַפּט די מצווה.

איך האָב געפילט, אַז אברהם האָט פאַרדרוס, הלמאי מ׳האָט אים נישט דערמעגלעכט צו העלפן איינעם, וואָס האָט זיך שטאַרק געבייטיקט אין הילף. געטראַכט האָב איך ביי זיך, אַז יעדער דור האָט זיך זיינע ל״וניקעס — און ווער ווייסט, אויב אברהם בן ר׳ יחיאל, מיט זיין ייִדיש־מענטשלעכער פירונג, איז נישט געווען איינער פון זיי.

פאַר די 10 יאָר נאָך זיין פּטירה, האָב איך נישט איינמאָל באַזוכט זיין קבר, געזאָגט קדיש. די געשטאַלט פון אברהמ׳ען שטייט מיר תמיד פאַר די אויגן.

**ישראל אייזנבערג, לאָס־אַנזשעלעס**

# פייערונגען אין ישראל צום 40סטן יאָרטאָג פון באַזיגן היטלער־דייטשלאַנד

דעם 9טן מאַי 1985, ווערט 40 יאָר זייט גענעראַל יאָדעל האָט אין נאָמען פון דער ווערמאַכט אונטערגעשריבן דעם קאַפּיטולאַציע־אַקט פון נאַצי־דייטשלאַנד פאַר די פאָרשטייער פון די זיגרייכע כוחות פון די אַליאירטע אַרמייען. אויף אָפּצוצייכענען אַזאַ היסטאָרישע דאַטע און געשעניש, וועלן אין ישראל, אין משך פון 5 טעג, פאָרקומען **מלוכהשע פייערונגען**, מיטן אָנטייל פון אַ 20 טויזנט יידן פון דער גאָרער וועלט — געווו. פראָנט־קעמפערס, פּאַרטיזאַנערס, ווידערשטענדלערס, קאַצעטלערס און פון דער שארית הפליטה. ס׳איז שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּראָגראַם (וועלכן מיר ברענגען ווייטער), וואָס דריקט אויס דעם טיפן באַגער פון אונדזער פאָלק זיך מתייחד צו זיין מיטן אָנדענק פון די קדושים און גלייכצייטיק דעמאָנסטרירן דעם קאַמף, גבורה און וויטאַליטעט, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דריי ווערטער: עם ישראל חי!

יעדער לובלינער ייד אין די תפוצות — און מיר אַלע, אויך די וואָס זענען נישט געווען אין מיידאַנעק און טרעבלינקע, געהערן דאָך צו דער שארית הפליטה — דאַרפן האַלטן פאַר זייער הייליקן חוב צו באַטייליקן זיך אין די אַלע פייערונגען. איר דאַרפט שוין אָנהייבן מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען און די וואָך פון 5טן ביזן 9טן מאַי 1985 רעזערווירן פאַר אַ באַזוך אין דער יידישער מדינה, וואָס ווערט אויך אין יענע טעג פייערן איר 37סטן יום העצמאות.

דער באַזוך ווערט אויך זיין אַ געלעגנהייט פאַר אייך צו טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט פון די תפוצות און ישראל. ווי תמיד, וועלן מיר אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און האַרציקער גאַסטפריינדלעכקייט. נוצט אויס די געלעגנהייט און קומט קיין ישראל אָפּצומערקן די דאַטע פונעם באַזיגן די היטלעריסטישע בעסטיע.

### אינעם פּראָגראַם פון די פייערונגען ווערט געזאָגט:

די ישראל־רעגירונג האָט באַשלאָסן אַדורכצופירן אַ וועלט־צוזאַמענטרעף צום 40סטן יאָרטאָג פון דער קאַפּיטולאַציע פון היטלער־דייטשלאַנד. דער צוזאַמענטרעף ווערט פאָרקומען אין די טעג פון 5טן ביזן 9טן מאַי 1985, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון פּרעמיער־מיניסטער.

דער נשיא פון מדינת ישראל האָט באַוויליקט צו זיין דער פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלן ערן־פּרעזידיום, צונויפגעשטעלט פון פאָרשטייער פון קיניגלעכע הייף, מדינות־פּרעזידענטן, פּרעמיערן, וועלט־באַרימטע פערזענלעכקייטן אויפן געביט פון וויסנשאַפט און פּאָליטיק, הויכגעשטעלטע מיליטער־לייט פון די אַליאירטע אַרמייען, אָפּשטאַמיקע פון די משפחות רוזוועלט, טרומאַן, טשערטשיל, דע־גאָל און סטאַלין, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָאַליציע.

דער אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם זעט פאָר די פאָלגנדיקע אונטערנעמונגען:

**זונטיק, 5.5.85**, אַ גאַנצן טאָג: רעגיסטראַציע, פאַרטיילונג פון מאַטעריאַל, אָנווייזונגען, צוזאַמענטרעפן פון גרופן.

**מאָנטיק, 6.5.85**, פאַרמיטאָג: אָנדענק־מיטינג אין יד ושם, מיטן אָנטייל פון כנסת־פאָרזיצער. אויפנאַמע ביים מדינה־פּרעזידענט פאַר פאָרשטייער פון דעלעגאַציעס.

נאָכמיטאָג: דאַנק־תפילה און מיטינג ביים כותל המערבי, מיטן אָנטייל פון פּרעמיער.

אין אָוונט: צונויפטרעפן און אויפנאַמען פון לאַנדסמאַנשאַפטן, פאָרשטייער פון קהילות אדג״ל.

**דינסטיק, 7.5.85**, פאַרמיטאָג: אַנטהילונג פון דעם ספּעציעלן נצחון־מאָנומענט. באַזוכן אויף היסטאָרישע ערטער, פאַרבונדן מיטן אַנטייל פון דער שארית הפליטה אינעם באַפרייונג־קריג.

נאָכמיטאָג: צה״ל־איבונגען אויפן שטח פון לאַטרון, רעקאָנסטרוקציע פון דער מיליטערישער אַקציע „בורמאַ־שאָסיי״ און דורכברוך פון דער בלאָקאַדע אויף ירושלים, מיטן אַנטייל פון זיכערקייט־מיניסטער און שעף פון גענעראַל־שטאַב.

אין אָוונט: וויזועל־אַקוסטישער ספּעקטאַקל אויפן שטח פון לאַטרון.

**מיטוואָך, 8.5.85**, פאַרמיטאָג: סימפּאָזיום אין „היכל התרבות״ אין תל־אביב.

אין אָוונט: פייערלעכע פאָלקס־מאַניפעסטאַציע אויפן סטאַדיאָן אין רמת־גן, מיטן אָנטייל פון נשיא, פּרעמיער און כנסת־פאָרזיצער • אויפטריט פון קינסטלערס פון לאַנד און אויסלאַנד • „פון צה״ל מיט ליבשאַפט״ — אַוויאַציע־און שטח־איבונגען פון מיליטערישע איינהייטן • אויפטריט פון מיליטערישע אָרקעסטערס פון ישראל, פאַר. שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך • טאַנץ־אַנסאַמבלען פון ישראל און אויסלאַנד, אויך פון מזרח־בלאָק • כאָרן • ריזיקער ספּעקטאַקל „זעלבשטענדיקייט און גבורה״ • שלוס־וואָרט.

**דאָנערשטיק, 95.85**, פאַרמיטאָג: המשך פון סימפּאָזיום, פינאַל־זיצונג און באַשלוסן.

נאָכמיטאָג: מאַניפעסטאַציע אויף די גאַסן פון תל־אביב, מיטן אויפמאַרש פאַר דער ערן־טריבונע אויפן ככר מלכי ישראל.

teatrnn.pl